צווייטער יאהרגאנג

№ 4.

יודישע

פאלקס-צייטונג

כ"ב טבת תרס"ג. — פערלאג „פאלקס-בילדונג" ווארשא. — 21 Januar 1903.

אינהאלט: נישט זיבערע זיכערקייט; ד״ר ה. ד. הורוויץ. — די יודישע חברות אונ פארטייעס אין עסטרייך; יעקב שאר. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. — לארזער בריעף; אברהם-טער. — מחשבות; מ. י. ב. — פונ׳ם עולם התהו; אגלגול. — דער יודישער גלות: שאול יצחק סטופניצקי. — פאלקס געזונדהייט: אנשטעקענדע קראנקהייטען; ש. ג. — די בעל־הבתישע ליטעראטור שלום עליכם. — ליטעראטור אונ קונסט. — אלערליי.
יודישע פרויען-וועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — דאס יודישע פרויענליק; פאולינע ראבינאוויץ. — מודעות
פעליעטאן: צווייעט אונ צעשפרייט; שלום עליכם.

1903 אבאנעמענט אויף דעם נייעם יאהר 1903

אויף דעם נייעם יאהר געפינט זיך אין דעם פארטפעל פון אונזער רעדאקציע פיעל ארטיקלען פאר אלע אבטהיילונגען פון אונזערע שטענדיגע מיטארבייטער:

י. דינעזאהן; ד״ר ה. ד. הורוויץ; ד״ר י. ליאקומאוויטש; מ. ספעקטאר; ד. פינסקי אונ שלום עליכם.

אויף דעם נייעם יאהר גיט די „פאלקס-צייטונג" איהרע יעהרליכע אבאנענטען א פרעמיע:

אלע ווערק פון שלום עליכם — מיט דעם בילד אונ ביאגראפיע פון מחבר — 4 בענדער

פאר 1 רובל מיט פארטא.

די אלע ווערק פון שלום עליכם זענען איבערגעקוקט אונ אויסגעבעסערט פון מחבר, דרוקען זיך מיט נייע שריפט. מיט נקודות אונ אויף גוט פאפיער.

אבאנאמענטס-פרייז אונ אדרעסע געפינט זיך אין אנהויב פון יעדען נומער.

עולם קטן

עתון שבועי מצויר לבני הנעורים (נדפס בקרקוי).

המו״ל: הוצאת „תושיה" בורשה. העורכים: א. ל. בן־אביגדור וש. ל. גרדון.

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד ומיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

בו נדפסים:

א) מאמרים לחגי ישראל וימים חשובים בחיי עמנו.
ב) ספורים קטנים וגדולים.
ג) אגדות ושיחות.
ד) שירים ומשלים.
ה) מחזות.
ו) פרקים מדברי הימים.
ז) תולדות אנשי שם בישראל ובעמים.
ח) ידיעות העולם והטבע.
ט) ספורי מסעות
י) ידיעות וחדשות, שיש בידיעתן תועלת לבני הנעורים.
יא) ענינים קטנים (בדיחות, מכתמים פתגמים, חידות, חליפות מכתבים בין בני הנעורים, משחקים וכו׳).
יב) תמונות אנשים וציורים שונים.
יג) תוי מנגינות לשירים שונים.

שפת ה„עולם קטן" קלה וטבעית והסגנון נאה ומלבב.

כל גליון מלבד שהוא נעים לקריאה ומלבב את נפש הקוראים הקטנים והצעירים, הנהו גם מעין חריסטומטיה מצוינה ללמוד שפת עבר. העתון נדפס על ניר יפה ובדפוס מהודר והתמונות מצוינות ביפין וטובן.

מראשית שנת תרס״ג נעשו שנויים לטובה בהוצאת העתון הזה:

א) „העולם קטן" הוא מעתה מנוקד כלו, התכן יותר קל ונוח. ב) הפורמט נשתנה לטוב וליופי. האותיות הן יותר בהירות והציורים — יותר יפים. ג) תחת המחיר הקודם, 6 רובל לשנה, נקצב מעתה המחיר

רק 4 רובל לשנה

2 רובל לחצי שנה, 1 רובל לרבע שנה.

החותמים לשנה שלמה יקבלו בסוף השנה תשורה יפה חנם. דמי החתימה יוכלו לשלם גם לשעורין: 2 רובל בעת החתימה ושני הרובל הנותרים בראשית הרבע השני.

כתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן" ירחון פדגוגי בעד ההורים והמורים בשם:

„הפדגוג"

בו יבואו מאמרים בכל מקצעות החנוך וההוראה, החדשות במקצוע החנוך, החנוך העברי ביחסו אל החנוך הכללי, השקפה על מהלך החנוך בא״י ובחו״ל: החדרים, הת״ת ובתי הספר. מאמרים ע״ד הטבת המצב החמרי והרוחני של המורים והמלמדים; דו״ח מאספות מורים, כרוניקה מעולם ההוראה העברית והמורים העברים, בקרת ספרי הלמוד והקריאה לבני הנעורים, שאלות ותשובות בעניני החנוך והלמוד במעשה; לשכת מודיעין (ביורא) בעד הורים ובתי ספר המבקשים להם מורים, ובעד מורים המבקשים להם משרות ומקומות להוראה.

מחיר „הפדגוג": 3 רובל לשנה, 1.50 רובל לחצי שנה, 75 קאפ. לרבע שנה.

לחותמי „העולם קטן" 2 רובל לשנה, 1 רובל לחצי שנה, 50 קאפ. לרבע שנה. פרוספקט מפורט ע״ד ה„עולם קטן" ו„הפדגוג ישלח חנם לכל דורש.

האדריסה:

Издат. „Тушія“ Варшава. — Verlag „Tuschija“ Warschau

בע״פ: נובוליפקי 7 מעון 9.

ווייכטיג

פיר סוחרים אונ פאבריקאנטען.

מאכע היערמיט בעקאנט, דאס אום צו קענען אויספיהרען רעעל אונ זויבער די בעשטעללונגען פון די געעהרטע קליענטען, האבע איך מיינע 17 יאהר לאנג עקזיסטירענדע

שילדער-פאבריק

איבערגעטראגען פון דזיקא 16 אין א פיעל גרעסערען לאקאל

דזיקא 26

אונ נעהמע אויך אן אללעראַרט מאלער ארבייט אין געוועלבען אונ פאבריקען צו אללער בילליגסטען פרייזען.

M Burgin, Warszawa Dzika 26.

4—1 (141)

עס ווערדען גע- זוכט אגענטען אויף זעהר גוטע בעדינ- גונגען. איללוסט. פרייז- קוראנטען ווערדען פערזענדעט אומזאנסט.

Контора фабрики каучуковыхъ штемпелей и гравернаго заведенія

Ш. Е. ФРИДМАНА

Варшава, Бѣлянская 23.

10—10 (97)

וויר מאכען אויפמערקזאם

אויף דען פריוואט כירורגישען שפיטאל פון ד"ר בארעל ווארשא מוראנאווסקא 14. אלע אפעראציא- נען ווערדען דורכגעפיהרט פאן ד"ר בארעל. אנגענומען ווערדען חירור- גישע קראנקע יעדען טאג פון 3-10 פריוואט וואהנונג דזיקא 3 פון 9—10 אונד 7—4.

(38) 26—18

פריילינען אונ דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען אונ נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש אונ דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע אונ די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מערכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זאמט אונ פרעגט אן ביי:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

(25) 52—21

ТОЛЬКО нѣсколькими рублями можетъ каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя дома. Объясненіе безплатно.

Адресъ: **Я. Найдичъ, Варшава.**

Bracia Pryzment & Aleksander Lewin.

אליין-פערקויף פיר גאנץ רוסלאנד אונד פוילען

טואלעט-זייפען אונד פערפומען

דער בעריהמטער פאבריק

Gust. Stuermer

רעקאמאנדירען בעזאנדערס בלומענזייפען פערשיעדענער גערוכען, וויא אויך **Semiramis** אונד א נייע סארט זייפע **Trianon**, אויך אללע סארטען א-דע-קאלאן אונד **בלומען-א-דע-קאלאן** אין פערשיעדענע גערוכען.

5—1 **Warszawa, Pasaż Simonsa skłep Nr. 11.** (133)

אהוב את המלאכה!

אללע סארטען שפיגעל מאכען לערנט אוים גרינטליך, אויך דורך בריעפע

דער 25-יעהריגער פראקטיקאנט אין דיא שפיגעלפאבריקאציאן

Адресъ: **Юдку Вейнбляту**

Варшава, Слизкая 22.

(105) 25—5

הוצאת „ישרון".

בימ"ס „ישרון" מלא וגדוש בכל הספרים החדשים שיצאו לאור מכל בתי הדפוס העברים וגם בספרים עתיקים יקרי הערך והמציאות. קונה ומוכר ספרים וביבליוטיקות גדולות מכל מיני ספרים עברים. נכנם לרשות הוצאת „ישרון"

אלבום ארץ ישראל והמושבות

מאת ש. ראפאלאוויץ וזקס. פנין יקר כזה לא היה עוד בספרותנו.

שבעים וחמש ציורים ממראות הארץ וממקומות הקדושים ומושבות אחינו בארה"ק. ותולדות המושבות וראשית התיסדותן.

כתוב הוא עברית ואשכנזית.

האלבום הזה ראוי הוא להיות בכל בית ישראל לנוי ולקשוט.

מחירו 3 רו"כ, בכריכה יפה 3 75 עם פורטה. למו"ס ואגדות ציוניות הנחה הגונה.

Книгоиз. „Iешурунъ", Вильна

Verlag „Ieschurun" Wilno Russland

(45) 25—

פאבריק פאן פייער-פעסטען

אייזערנע קאססען

עמפפעהלט איהרע אויסארבייטונג נאך דעם נייעסטען סיסטעם קאנקורירט מיט דיא פרייזען. אויך פער- גרעסער איך די N.N. געגען אנדערע פאב- ריקאנטען.

פרייז-קוראנטען פראנקא.

Щ. ХАРИ, Варшава

(102) Новолипье 40. 10—9

י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע עט פלאטעע-וואארען.

50—4 (128)

Я. ШЕКМАНЪ Варшава, Налевки № 20.

מאגאזין נאלעווקי 20. פאבריק דזיקא 10.

ד"ר מ. קעניגשטיין

ווארשא, גראניטשנא № 6

בעהאנדעלט האלז-, אייערען- אונ נאזען- קראנקהייטען ביז 10 אין דער פריה אונ 4—6 נאכמיטאג. אין דער היילאנשטאלט דזיקא 26 פון 2 ביז 3.

(96) 50—10

מיטלען צום לעבען.

דיא אלע לעהרעס וועלכע איך לעהרען מאכען: זייף (אייניגע סארטען), ברעז- עהל, שוה-וואכס, וואגען-שמיר, לאקיער אונ נאך פערשיעדענע וויכטיגע אייסארבייטונגען האב איך צוזאממען- געשטעלט אין א בוך פיר פרייז 3 רובל אלע ארטיקלען. איך אנטווארטע אויף פראגעס אונד שיקע ראה-מאטעריאל לויט פערלאנג.

(75) (10—9)

Н. М. МАТУЗОНЪ

Варшава, Милая ул. 17.

שיין שרייבען

פערשיעדענע שריפטען ער- לערנט אין 20 לעקציאנען די ערגסטע צעבראכענע אונ געציטערטע האנד- שריפטען, עכט קאליגראפיע

ש. טייטעלבוים

נייע מילע 38, וואהנונג 56.

(134) 4—2

גאלוואנישע אנשטאלט.

יהושע טייטעלבוים דזיקא 18

נעהמט אן צו פערגילדען, פערזילבערן, פערניקעלן, אקסידירען, אונ בראנזי- רען פערשיעדענע מע- טאל ארבייט. עס ווערד אויך אנגענומען אלטע זילבערנע אונ פערזיל- בערטע כלים אויף צו פרישען ווי גאנץ נייע. גאראנטיערט פיר דויערהאפטיגייט אונ צו גאנץ מעסיגע פרייזען.

נייעס ! פערשיעדענע אויסלע-דישע פרעססונגען, ווי אויך דאמען- גירטעל מיט אלער ארט שנאלען גאנץ בילליג.

(99 20—10

חירורגיש-ארטאפעדישע אנשטאלט

פון ד"ר רייכשטיין

נעהמט אן צו חירורגישע בע- האנדלונג אויסגעקרומטע שדרות און פים ; געלענק- אונ מוסקעל- קראנקהייטען, ווי אויך צו מאססאז, פון 4 ביז 6 אוהר. אין דער אר- טאפעדישען ווערקשטאט ביי דער אנשטאלט ווערדען פערפערטיגט דורך ספעציאליסטען: קארסעטען, אפאראטען צו האנדע אונ פיסע (שיענען הילזענאפאראטע העססינג) קינסטליכע פיסע, ארערליי רופטור- אונ בויך-גארטעל א. ז. וו.

(131) 31 **לעשנא** 31 10—8

קמח פסח

מבה"ר החדשים של

מאלדאווסקי בחרקוב.

ארות פרטי המקחים והאופנים (קונדיציעס) ודוגמאות (פראבען) יוכלו לפנות ע"פ

1—1 האדריסא : (137)

Харковъ, Айзику Лифшицу

פארזיכטיג !

דאס איינציגסטע מיטעל צו א ברוך איז נאר ברוכבענדער וועלכע האלטען גוט איין דעם ברוך אונ דרוקען נישט דעם קערפער, וועהרענד גענצליך אויסצוהיילען איז אונמעגליך.

(135) 50—2

וואלכע פערפערטיגט די פירמא

Д. Мошковскій. Варшава

Налевки № 37.

וועלכע איז בעערהט וואָרדען מיט מעדאלע פון דאקטארסקע אויסשטעלונג.

37 צו בעאבאכטען דעם נומער **37**

יודישע
פאלקס־צייטונג
א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל
פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם״: יעהרליך 5 רובל; האלב־
יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50
רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר׳
אויסצאהלען אין ראטען: ביים איינשרייבען
2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען
יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די
לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 16 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ.
30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט
0 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם״: יעהרליך 12.50 קראנען;
11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק
6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהר־
ליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30
שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ.
40 העלער.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія“ Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן
און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung“
Krakau, Sebastyangasse 32.

21 Januar 1903. **Nr. 4.** **כ״ב טבת תרס״ג.**

ברכה בת ר׳ שמאי וואלים
שמעון ב״ר משה דוד לאזאוויק
מארשים
כ״ז מרחשון תרס״ג 4 נאוועמבער
שדה—לבן קיעוו.

☛ אין אדעסא נעהמען אויף אבאנענטען אויף אנאנסען אויף די „יודישע פאלקס־צייטונג:
י. ח. ראוויניצקי עט קאמפ׳
Уг. Б Арнаутской и Ришельевской д. Барбаша,
ש. הארנשטיין Безыменный Переулокъ 28
י. סווערזשענסקי Успенская 61.

נישט זיכערע זיכערהייט.

(פארטזעצונג)

אין ענגלאנד, למשל, ווי מען האט אויסגערעכענט, האבען געלעבט אין די יאהרען 1890—1900 בערך 92688, וואס זענען אלט געוועזען 21 יאהר, פון זיי זענען געשטארבען אלע יאהר בערך 683. אז אלע ענגלענדער פון 21 יאהר וואלטען זיין אסעקורירט, וואלט מען מוזען בעצאהלען אלע 683 מענשען. רעכנען מיר טויזענד רובל א מענשען, מוז די געזעלשאפט אויסצאהלען 68000. לעגט מען דאס געלד פענאנדער אויף אלע 9258, קומט אויס אויף יעדען מענשען 7,38 רובל, נישט מעהר ווי זיבען רובל מיט אכט און דרייסיג קאפיקעס. און ווען די געזעלשאפט נעמט פאר טויזענד רובל פון יעדעם צו צעהן רובל, מאכט זי דאביי א גוט געשעפט.

מענשען, וואס זענען אלט 50 יאהר שטארבען שוין מעהר. מען האט אויסגערעכענט, אז אין ענגלאנד האט אין דעם משך פון 1890—1900 געלעבט איין ערך 69517, פון זיי זענען געשטארבען 1108. די געזעלשאפט פון אסעקוראנץ מוז בעצאהלען פון יעדעם טויזענד רובל—1108 00, דאס הייסט מעהר ווי א מיליאן רובל. זי צעלייגט דאס ווידער אויף אלע 0 יעהריגע מענשען, קומט אויס, אז יעדער דארף צאהלען צו פינפצעהן רובל מיט פיער און ניינציג קאפיקעס, אויב די געזעלשאפט זאל נישט מעהר אויסגעבען נאר וואס זי צאהלט אויס די קינדער אדער קרובים פון די מענשען, וואס שטארבען. זי דארף אבער פרנסה, רעכענט זי נישט 16 רובל פון טויזענד, נאר 20 רובל (אדער אפילו עטוואס ווייניגער) און מאכט דאביי א גוט געשעפט.

ווער זשע צאהלט פאר די שרפות? ווער גיט ירושה די קינדער פון די געשטארבענע? נישט די אסעקוראנץ־געזעלשאפט, נאר מיר אליין, מיר, די מענשען, וואס צאהלען דער אסעקוראנץ־געזעלשאפט יעדעס יאהר א בעשטימטע סומע געלד. עס קומט אלזא אויס, אז מיר העלפען איינער דעם אנדערען און זענען ערב איינער פאר דעם אנדערע. האט איינער א היזק דורך א שרפה, אזוי האבען אנדערע מענשען איהם אבגעצאהלט זיין היזק, שטארבט איינער, אזוי האבען די אנדערע מענשען אויסגעצאהלט געלד זיינע קינדער, זיי זאלען קענען לעבען אויך אהן זייער פאטער און זאלען נישט דארפען אנקומען צו נדבות.

מען קאן דאס נאך אנדערש זאגען: אלע, וואס סטראכירען זיך, צעטהיילען דעם היזק, וואס מען האט דורך שרפות, צווישען זיך, און יעדעם קאסט דאס 15 אדער 0 רובל א יאהר. דורך דעם וואס אלע בעלי־הבתים פון הייזער נעהמען אויף זיך די היזיקות, וואס האבען עטליכע פון זיי דורך שרפות, איז דער היזק פאר יעדען נישט אזוי ניכר, ווארום יעדער פארליערט א קליינע סומע געלד, און די נשרפים ווערען נישט מיט אמאל אומגליקליך, ווערען נישט פלוצלינג ביטערע ארעמע לייט, אדער די קינדער פון די געשטארבענע בלייבען נישט אהן מיטלען נאך דעם פאטערס טויד, און אזוי ווייטער. דורך דעם, וואס אלע זארגען פאר דעם איינציגען, און יעדער איינציגער איז מסכים צו נעהמען אויף זיך א חלק פון זיין חברס היזק אדער די פאר־

זארגונג פון זיין פאמיליע בעת ער שטארבט, — דורך דעם ווערד יעדער איינציגער זיכערער און ער קאן רוהיגער לעבען.

וואס זשע טהוט אייגענטליך די אסעקוראנץ-געזעלשאפט? זי פארמיטעלט נאר צווישען דעם איינציגען און דער גאנצער געזעלשאפט. דורך דעם, וואס זי נעמט פון יעדען מענשען אביסעל געלד פאר אסעקוראנץ, און צעטהיילט די צונויפגעקליבענע געלד צווישען די וואס זיי האט געטראפען דאס אומגליק, פאראייניגט זי אט די אלע מענשען און מאכט זיי חברים אין אומגליק, מאכט זיי ערב איינער פאר דעם אנדערען, די געזעלשאפט טהוט דאס אבער נישט מחמת ווייל זי וויל האבען א מצוה, ווארום זי אליין איז דאך באמת נישט מחויב געהמען אויף זיך אזא גרויסע עבודה און פאראייניגען אלע מענשען אין איין בונד, בעזונדערס אין אומגליק — זי טהוט דאס מעהר נישט, ווייל זי פארדיענט דערפון, ווייל זי מאכט זיך פון דעם א געשעפט.

ווי גרויס די הכנסה פון די אסעקוראנץ-געזעלשאפטען איז קאן מען זעהען פון דעם איינציגען ביישפיעל: אין יאהר 1900 האבען 5 אסעקוראנץ-געזעלשאפטען אין רוסלאנד בעקומען הכנסה פאר לעבענס-פארזיכערונגען אליין קרוב פון 10 מיליאנען רובל. אט די 10 מיליאנען רובל האבען די צאהלער אוועק געגעבען די אסעקוראנץ-געזעלשאפטען מעהר נישט פאר דער טובה, וואס זי האט זיי געטהאן מיט דעם, וואס האט זיי פאראייניגט אין איינעם אין זייער אלגעמיינעם אומגליק.

און עס איז זיכער, אז די מענשען וואלטען פארשטאנען צו פאראייניגען זיך אליין — אהן יעדע פארמיטלונג — און צו זעהען, אז יעדער כלל זאל זארגען פאר דעם יחיד און דער יחיד פאר דעם גאנצען כלל, — וואלטען זיי נישט געדארפט אזוי פיעל צאהלען פרעמדע בעלי-טובות און וואלטען פיעל מעהר געוואונען פאר זיך אליין.

ווארום נישט נאר דעם קנס אליין צאהלען זיי פאר זייער נישט אייניגקייט, נאר זיי פארליערען אמאל אויך דאס, וואס זיי ווילען האבען, דורך די געזעלשאפט, די ביסעלע רוהיגקייט און זיכערקייט. מען דארף נישט פארגעסען, אז די געוועהנליכע „אסעקוראנץ-געזעלשאפטען קענען נישט פארזארגען דווקא די קלאסען פון מענשען, וואס זייער לעבען איז זעהר אונזיכער, דאס הייסט, אט דווקא די קלאסען פון מענשען, וואס ברויכען די הילף פון דער געזעלשאפט.

און דארינען איז נישט שולדיג די אסעקוראנץ-געזעלשאפט; ווארום זי — אלס געשעפט, קאן אנדערש נישט טהון; דארינען זענען שולדיג נאר מיר אליין.

פאר וואס דאס איז אזוי. וויל איך באלד ערקלערען

(פארטזעצונג קומט).

ד״ר ח. ד. הורוויץ.

די יודישע חברות און פארטייען אין עסטרייך.

ג.

איידער מיר געהן ווייטער, וויל איך דא זאגען עטליכע ווערטער מכח די באראן הירש שולען אין גאליציע. נאך ביי זיין לעבען האט דער באראן צעטיילט גרויסע סומען געלד אויף פערשידענע לענדער, ווי עס וואהנען גרויסע מאסען פון ארעמע אונגעבילדעטע יודען, כדי דארט צו גרינדען פאלקס- און האנדווערקער שולען. אין גאליציע האט מען פון דעם געלד, וואס דער באראן האט מנדב געווען, אין פיעל שטעדט געגרינדעט פאלקס- און האנדווערקער שולען פאר יודישע קינדער. טויזענדער יודישע קינדער, וואס אזוי וואלטען זיי אויסגעוואכסען ווילד, און צו גאר ניט געטויגט, — ווערען ערצויגען און אויסגעבילדעט; נישט נאר די קינדער נאר אפילו די עלטערן פון

פעליעטאן.

צעזייעט און צעשפרייט.

בילדער פונ׳ם יודישען לעבען.

אין דריי אקטען

פון

שלום-עליכם.

די פארשוינען:

מאיר שאלאנט — איין אויפגעקומענער עושר פון א יאהר 50. פראסט אנגעטהון, זיצט שען, גביריש.

מלכה — זיין ווייב. א פראסטע יודינע, איין עהרליכע.

מאטוויי — זייער עלטערער זוהן, א שאלטיק.

חיים — זייער מיטעלסטער זוהן, א ציוניסט.

פלארא — זייער עלטערע טאכטער, א גרושה.

חנה — זייער יונגערע טאכטער, געענדיגט גימנאזיע, חלש׳ט פאהרען אויף די קורסען.

סאשא — זייער מיזיניקעל.

רב-משה׳לי ווידענשטאמער — זייער מחותן, א יוד א מיוחס.

איטעלי ווידענשטאמער — זיין ווייב. א יודענע א מיוחסת.

ערשטער ציוניסט }
צווייטער ציוניסט } — חיימ׳ס חברים.

דוד׳ל קאטשער — פון מאטוויי׳ס גוטע ברידער.

פעסיל — מלכה׳ס איין ארעמע קרובה.

בעני קרויט — א האלבער מעקלער. א האלבער שדכן.

מאשא — א שטובמיידל ביי די שאלאנטען.

די געשיכטע קומט פאר אין א גרויסער שטאדט * * *

ערשטער אקט.

(ביי א גרויסען קיילעכיגען טיש זיצט דאס גאנצע געזינדל שאלאנט און מע טרינקט טהיי. — דער בעל-הבית אליין איז פערנומען מיט חשבונות. — מלכה פארעט זיך ביים סאמאוואר. — פלארע איין אנגעפוּדערטע מיט ברייטע צעלאזטע ארבעל ציהט זיך און גענעצט. — חנה זיצט איבער א ביכל אריינגעשטעקט די נאז און לייענט. — מאטוויי, א צעקאשמעטער, זיצט צעלייגט אויף א בענקל, ווארפט מיט אויגען אויפ׳ן שטובמיידל, דאס שטובמיידל שמייכעלט).

I-טע סצענע

(מאיר, מלכה, מאטוויי, פלארא, חנה סאשא.)

מלכה. (הויך) שאשא! שאשא?

סאשא. (פונ׳ם אנדערען חדר) טשטא, מאמאשא?

מלכה. נעה טרינקען טיי;

די קינדער, וואס לערנען אין די באראן הירש שולען, ווערען אויך אויסגעפיינערט; דאס גאנצע שטעדטל, ווי עס געפינט זיך אזא שולע, בעקוממט עפּיס א אנדער אויסזעהען. בשעת די קינדער זענען אין דער שולע, איז זיי א ודאי גוט, אבער וואס זאלען זיי טהון אז זיי ענדיגען די שולע? זיי האבען זיך דארט אויסגעלערנט א מלאכה, און ווייסען ניט, וואס מיט איהר צו טהון. זיי ווילען ארבייטען און פערדינען און האבען ניט וואו און ביי וואס. די שולען קענען פאר זיי אזוי ווייט ניט זארגען, מוז עמיצער אנדערש טראכטען די אויסגעלערנטע יודישע קינדער צו פערזארגען מיט ארבייט.

דאס האבען אויף זיך די לעצטע 3־4 יאהר גענומען די „בני־ברית".

די „בני ברית" זענען דאס מייסט אפילו רייכע יודען, וועלכע עס געהט ניט אן דאס יודישע פאלק, א טייל פון זיי האבען זיך אב־געזאגט פון דער יודישער אמונה, זענען גאר פריימוירער —; נאר פונדעסטוועגען זיצט אין זיי דאך דאס פינטעלע יוד, וואס לאזט זיי ניט רוהען און צוקוקען ־קאלט־בלוטיג די צרות פון זייערע ארעמע ברידער. די חברות פון די בני־ברית זענען צעשפרייט איבער גאנץ עסטרייך און אין אנדערע לענדער זענען זיי אויך דא, אפילו אין אמעריקא האבען זיי זייערע לאזשעס אדער חברות. אין עסטרייך האבען זיי אין יעדער גרויסער שטאדט, וואו עס עקסיסטירט זייער א פעראיין, א קאמיטעט וואס זוכט ארבייט פאר יודישע בעלי־מלאכות, לעהרער א. ד. ג.

ווייטער האבען די „בני ברית" פאר א יאהרען געגרינדעט א נייעם פעראיין מיט דעם נאמען „הילפס־פעראיין פאר די גאליצישע יודען". שוין פון דעם נאמען אליין פערשטעהט מען דעם צוועק פון דעם נייעם פעראיין. צוליעב דעם ווילען די „בני־ברית" גרינדען אין גאליציע פאבריקעס, זאוואדען, ווי מען זאל בעשעפטיגען נאר יודישע ארביי־טער. אויך האבען זיי געפינען. אז עס איז פאראן א סך אבטיילונגען פון הויזארבייטען, וואס קענען אין גאליציע זעהר לייכט אויסגעפיהרט ווערען און בעשעפטיגען פיעל יודען, וואס לעבען איצט פון דער לופט, אפילו פיעל יודישע פרויען, מיידלעך און קינדער.

„עס פערשטעהט זיך, אז די „בני ברית" וועלען זיך ניט קענען בעגנוגען דערמיט אליין, וואס זיי וועלען געבען ארבייט די גאליצישע יודען; זיי וועלען נאך מוזען אויסזוכען ערגיץ א מארק וואו די ארבייט אויסצוברענגען. אז זיי סטארען זיך, למשל, צו גרינדען נאך האנד־ווערקער שולען, צי אזו אוועקגעבען יודישע קינדער צו בעלי־מלאכות; וועלען זיי געוויס מוזען טראכטען צו געפינען ארבייט פאר די אויס־געלערנטע בעלי־מלאכות; אויב ניט — האט ווידער זייער גאנצע ארבייט קיין ווערטה ניט.

אין דעם פראגראם פונ'ם „גאליצישען הילפס־פעראיין" איז דא איין פונקט, וואס ציעלט נאך ווייטער. לויט דעם פונקט האט דער פעראיין בדעה צו מאכען אקערבוי־ארטעלען פאר די גאליצישע יודען. איך וועל נאך דא דערמאנען, אז אויך די רומענישע עמיגראנטען ווערען ווי ווייט מעגליך פון די „בני ברית" אונטערשטיצט, בעזונדערס דורך די אנווייזונגען און רעקאמענדאציעס צו די אמעריקאנישע חברות פון די „בני ברית". דער חסרון איז נאר, וואס „בני ברית" זענען פארט נאר צדקה־חברות, געגרינדעט פון רייכע יודען, אבער ניט קיין זעלבסט־שטענדיגע פאלקס־ארגאניזאציעס, געגרינדעט פונ'ם פאלק אליין, מען קאן זיך דערפאר אויף זיי ניט פערלאזען. היינט זענען זיי גוט, ווייל גוטע מענשען זענען די פיהרער פון זיי; מארגען וועלען אויפשטעהן שלעכטע גבאים — וועט די גאנצע זאך ניט מעהר טויגען און קיינער קאן דא קיין דעה ניט זאגען: זיי זענען די בעלי־בתים, זיי טהוען וואס זיי ווילען. און עס איז גאר קיין האפנונג נישט דא, אז עס זאל

סאשא. אי, סעיטשאס! (אלע לאכען, חוץ חנה'ן).

מלכה. שאשא? וואס טהוסט דו דארטען?

סאשא. אי, אסטאוו! איך וואש די קאץ. (אלע לאכען חוץ חנה'ן).

חנה. (צו דער מוטער) אנדערש קאנסט דו טאקי מיט איהם ניט רעדען, נאר אויף רוסיש?...

מלכה. ווי אזוי דען זאל איך רעדען, אז איהר רעדט אלע אזוי? איך וואלט אודאי בעסער געוואלט רעדען אויף יודיש, אויף מאמע־לשון, נאר וואס זאל איך טהון, אז איהר אלע, און אפילו אט דער אלטער נאר (זי בעווייזט אויפ'ן מאן) האט זיך אנגערעדט, מע זאל ארויס־טרייבען אונזער לשון; און ווער שמועסט פון זינט מיר זענען אריבער געפאהרען אין דער דאזיגער פערשאלטענער שטאדט... אפשר נישט אזוי, מאיר?

מאיר. וואס ניט אזוי?—אז דו ביסט א בהמה? (אלע לאכען, אחוץ חנה'ן).

מלכה. (צום מאן) לאך, לאך!... דאס עפעלי פאלט נישט ווייט פונ'ם בוימעלע... ווי דער טאטע אזוי די קינדער...

מאיר. שוין? האסט שוין אנגעהויבען מיט דיין מוסר? מיט דיין טייטש חומש און מיט'ן פעטשענע־וואָרענע (צאינה וראינה)? (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) וואו איז חיים? פאר וואס זעהט מען ניט חיימ'ן?

מלכה. חיימ'ל שלאפט נאך.

מאיר. אזוי שפעט?

פלארא. מיר דאכט אז ער איז געקומען אהיים שוין מיט'ן טאגליך?

מאיר. וואס איז די מעשה?

חנה. (נישט צו גענומען די אויגען פונ'ם בוך) ס'איז ביי זיי געווען נעכטען אגרויסע זאסעדאניע.

מאיר. ביי וועמען „ביי זיי"?

מלכה. ביי די פעצעליסטען...

מאיר. וואסערע שפעציליסטען? (אלע לאכען).

פלארא. ביי די „ציוניסטען" מיינט די מאמע.

מאיר. ווידער ציוניסטען? עס ווערד איהם גאר ניט נמאס?

פלארא. שפיעלסט זיך מיט חיימ'ן?

מאטוויי. ער ראטעוועט דאס יודישע פאלק! שפיעלט זיך אין ציוניזם...

חנה. (נישט צו־גענומען די אויגען פונ'ם בוך) נאך בעסער ווי שפיעלען גאנצע נעכט אין קארטען...

פלארא. (שטילערהייד צו מאטווייען) דאס מיינט מען דיך, מאטוויי.

מאטוויי. לאנגע האר, זאגט מען, קורצער שכל; ביי איהר איז קורצע האר און קורצער שכל.

חנה. (נישט צוגענומען די אויגען פונ'ם בוך) אי פלאטשינ, אי אהן טעם...

אמאל אריבערגעהן צו דעם פאלק אין די הענד, ווייל נאר מיט גרויסע רעקאמאנדאציעס קאן מען אנקומען פאר א חבר ביי די בני ברית און מען מוז באלד איינצאהלען 10 גולדען.

אונז בלייבט נאך איבער צו האפען, אז די „בני ברית" וועלען זיך אליין אומקעהרען צום פאלק פון וועלכען זיי שטאמען, און וועלען אליין איבערגעבען זייערע חברות אין די הענד פון דעם יודישען פאלק...

ווין. יעקב שאר.

פאליטישע ענינים.

(די לאגע אין מאראקא. ענגלאנד'ס, שפאניע'ס און פראנקרייך'ס אינטערעסען אין מאראקא, קאסטראס ממשלה אין ווענעצועלא.

די אייראפעאישע רעגירונגען האבען אויף א ווייל פערגעסען זייערע עסקים אין ווענעצועלא, מאקעדאניע און אנדערע ערטער און בעשעפטיגען זיך נאר מיט די מאראקאנישע פראגע, דער עיקר אינטערעסירען זיך דערמיט: ענגלאנד, פראנקרייך און שפאניע.

מאראקא איז א מדינה אין צפון אפריקא, זי גרענעצט זיך מיט גיבראלטאר, וואס געהערט צו ענגלאנד, מיט אלזשיר וואס געהערט צו פראנקרייך און מיט שפאניע. פון צפון זייט האט מאראקא דעם מיטעללענדישען ים און אין מערב דעם אנטלאנטישען אקעאן. אין מאראקא צעהלט זיך ־ מיליאנען איינוואהנער, מעהר ווי א העלפט זענען מאהמאדאנער, די איבריגע פון פערשיעדענע אומות, ווי שפאניער, פארטוגעזען, פראנצויזען און יודען. אויך זענען דארט דא א גרויסע צאהל נעגער, וועלכע האבען אבער א גאנץ קליינעם בעטרעף אין לאנד, ווייל זיי זענען כמעט אלע שקלאפען. מאראקא איז רייך אין פערשיעדענע תבואות און בהמות. פראנקרייך בעציהט פון מאראקא ציגענלעדער, וואקס און סמאלע און שטעהט דעריבער תמיד מיט מאראקא אין געשעפטס-פערבינדונג. ביז דעם 18-טען יאהר־הונדערט איז מאראקא געווען א זעלבסשטענדיגע מלוכה און דער סולטאן איהרער האט איבער איהר געהערשט. נאר אין יאהר 85 בשעת זידי מאהאמעד איז געווארען סולטאן, איז געווארען אין לאנד גרויסע מרידות און דענסטמאל האט זיך שפאניע אריינגעמישט אין די אינערליכע אינטערעסען פון לאנד און אין יאהר 1·6 האט שפאניע מיט מאראקא אין טעטואן געשלאסען א שלום, לויט וועלכען מאראקא האט געמוזט צאהלען אן שפאניע 20 מיליאן פיאסטער. דער נייער סולטאן מולי האסאן איז מיט שפאניע געוועזען זעהר ניט פריינדליך, דערפאר אבער האט ער מיט די אנדערע אייראפעאישע מלוכות זעהר פריינדליך געלעבט, דאס פאלק איז אבער דערמיט זעהר אונצופריעדען געווען, אין יאהר 1894 איז סולטאן מולי האסאן פלוצלינג געשטארבען און דער 16-יעהריגער אבדול עזיז איז געווארען סולטאן פון מאראקא. דער נייער סולטאן איז אויך זעהר גוט מיט די אייראפעאישע מלוכות. דער עיקר מיט ענגלאנד און האט אויך אנגעהויבען איינפיהרען אייראפעאישע מנהגים אין לאנד. דערמיט זענען אבער שטארק אונצופריעדען א גרויסער טהייל פון פאלק און עס האט זיך געבילדעט א פארטיי, וואס האט מורד געווען אן סולטאן און ווילען איין אנדערען ארויפזעצען אויף דעם כסא המלוכה. דער אנפיהרער פון די מורדים איז בו־האמארא. ער זאגט אפילו, אז ער וויל נישט די מלוכה פאר זיך, נאר פאר מולי־מאחאמעד, דעם הייגטיגען סולטאנס א ברודער. דער אנפיהרער פון די מורדים האט בעלאגערט די שטאדט פעץ מיט א חיל פון 15.000 מאן און מען רעכענט, אז דער סולטאן וועט מיזען אנטלויפען קיין ראבאט. ער

מלכה. שאשא! שאשא?

סאשא. אי, איך געה, איך געה! (עס קומט אריין סאשא מיט צוויי קעצלעך אין די הענד, באזעצט זיך טרינקען טיי און קלויבט זיך מכבד זיין די קעץ מיט מילך.)

II-טע סצענע

(די זעלבע און סאשא.)

פלארא. אהא! ער איז שוין ווידער דא מיט די קעץ!

מאטווי. סאשא מיט דער „משפחה"!...

סאשא. קוקט בעסער אויף זיך!... ווייסט דו, פלארא, ווער עס האט דיר געלאזט גריסען? דער אפגעבארעטער פראוויזאר... און דיר, מאטווי, האט געלאזט גריסען ווייסט דו ווער?...

מאטווי. אט וועל איך דיר לאזען גריסען, וועסט דו דאכט מיר פארגעסען דיינע קעץ...

מלכה. שא לאז זיין שטיל, איך בעט אייך! (וויל צו נעמען ביי סאשען די קעץ, לאזט ער ניט) שאשעניו! וואס דארפסט דו זיך האלטען מיט אזא מאוס'קייט? ווארף זיי ארויס...

סאשא. (שטיל) אי, אסטאוו! וואס מאכען זיי דיר קאלי? (הויך אויף א קול) פאר וואס קויפט מען מיר ניט קיין וועלאסיפעד? וויפיעל מאל מע האט מיר צוגעזאגט אז מע קויפט מיר אוועלאסיפעד!

מאיר. (רייסט זיך אפ פון די פאפירען) הא! וואס איז? וואס זאגט ער?

מלכה. שאשענקע זאגט, אז דו האסט איהם צוגעזאגט קויפען א לעסיפעד...

מאיר. א לעסיפעד? אויף וואס דארף ער דאס א לעסיפעד? וואס פאר לעסיפעדען גאר?... (אלע לאכען, חוץ חנה'ן).

סאשא. (לאכט מיט אלעמען) וואס הייסט אויף וואס? אויף צו פאהרען!

מאיר. אויף צו פאהרען? איך אין דיינע יאהרען האב שוין עפיס אין זינען געהאט... דו וואלסט בעסער עפיס טהון, עפיס לערנען, ניט ארומפאהרען אויף לעסיפעדען און שפיעלען זיך מיט אזא פאסקודסטווע! (—ווארפט אראפ די קעץ פונ'ם טיש, סאשא הויבט זיי אויף) ארומ־פאהרען גאר?... וואו זענען דיינע לעהרערס?

סאשא. מיינע לעהרערס? איינעם א לעהרער! אי דאס איז ער אוועק אהיים...

מאיר. וואס הייסט איינעם א לעהרער? און וואו איז דער יודישער מלמד? דער רבי?

סאשא. וואסער מלמד? וואסער רבי? האט זיך דערמאנט! שוין לאנג דורכגעטריבען?...

מאיר. (ערשטוינט) הא? דורכגעטריבען? וואס הייסט דורכגע־טריבען? ווער האט איהם דורכגעטריבען?...

מאטווי. אידאי דארפסט דו זיך אפעסען דאס הארץ פון יעדער נארישקייט!... מע האט איהם ארויס־געטריבען און איין עק!

וועט בעטען דעם קאבילישען שבט זימור און נאך אנדערע, זיי זאלען איהם העלפען.

די ערשטע צייט האבען זיך די אייראפעאישע מלוכות געהאלטען פון דערווייטענס און האבען זיך נישט אריינגעמישט, נאר אז שפאניע האט געשיקט איהר שיף «Infant Izabel» קיין מאראקא און דער שפאנישער פעלדמארשאל טשאציל איז געקומען קיין קאדיך, וואו ער גרייט זיך צו מיט א גרויס חיל צו געהן קיין מאראקא, האבען ענגלאנד און פראנקרייך זיך אויך אנגעהויבען אריינצומישען, זיי האבען געהייסען שפאניע זי זאל צוריקנעהמען איהר קריגס שיף, וואס זי האט געשיקט אין מאראקא און זיי האבען זייער פלאטע צוגעגרייט צו געהן קיין מאראקא.

ענגלאנד האט אין מאראקא גרויסע און וויכטיגע אינטערעסען, דער עיקר וויל זי, אז מאראקא זאל איהר אבגעבען דעם אינזעל פערעחיל, וואס גרענעצט זיך מיט גיבראלטאר, דער אינזעל אליין איז אפילו נישט זעהר וויכטיג, דען עס וואכסט אויף איהם כמעט קיין שום תבואות און גיט ניט ארויס קיין שום פראדוקטען, וויכטיג איז ער נאר דערמיט, וואס פון דארטען וועט ענגלאנד קענען שטענדיג בעשיצען גיבראלטאר און קיין אנדער מלוכה וועט איהר נישט קענען בעאונרוהיגען. דער אינזעל געהער אייגענטליך צו שפאניע לויט דעם שלום, וואס איז געשלאסען געווארען אין יאהר 1860 אין טעטואן; נאר מאראקא האט עס צוגענומען צו זיך אין יאהר 18 5 בשעת די שפאנישע רעגירונג האט דארטען געוואלט אויפבויען א לייכט-טהורם (מאיאק) און האט איהם בעזעצט מיט איהר חיל. דער מאראקאנישער קריגס-מיניסטער על מענעבחי האט פארגעלעגט דעם יונגען סולטאן אבדול אזיז, מען זאל דעם ארימען אינזעל אוועקשענקען די ענגלישע רעגירונג פאר די פריינדשאפט וואס ענגלאנד האט בעוויזען צו מאראקא, דער מיניסטער דעם אייסערען אבער סי מאהאמעד טארעס האט געזאגט, אז מאראקא טאר נישט געבען קיין שום מלוכה אפילו א שפאן ערד, אז ניט וועלען די קריסטען אין גאנצען ווערען די בעלי-הבתים איבער מאראקא און פון דעסטמאל אן זענען זיך ביידע מאראקאנישע מיניסטארען געווארען דם שונאים. ענגלאנד אבער האט זיך נאך נישט אבגעזאגט אין גאנצען פון פערעחיל, זי האט געבעטען דעם סולטאן, ער זאל איהר ערלויבען פון דעם דאזיגען אינזעל נעמען שטיינער, וואס זי ברויך צו איהרע נייע האפענס, וואס זי וויל צובויען אין גיבראלטאר, דער סולטאן האט איהר ערלויבט. דערוויל ברענגט זי דארטען איהרע סאלדאטען מיט פולווער און דינאמיט צו שפאלטען דערמיט די שטיינער, צוריק וועט זי אבער שוין נישט וועלען ארויסנעהמען איהרע סאלדאטען, דאס איז ענגלאנד נישט געוואהנט. דאס גאנצע שטיינער נעהמען איז נאר איין אנשטעל, ענגלאנד קאן בעקומען שטיינער צו איהרע האפענס פון נעהנטערע ערטער, וואו עס וואלט איהר אויס-געמאכט א סך ביליגער, נאר זי וויל האבען א דריסת הרגל אין דעם אינזעל פערעחיל.

פראנקרייך האט אויך אינטערעסען אין מאראקא, וואו עס וואהנען א סך פראנצויזען, זי שטעהט מיט איהר אין האנדעלס-פערבינדונג און אלזשיר, וואס געהער צו פראנקרייך, גרענעצט זיך מיט מאראקא און דעריבער האט זי בעפוילען דעם קאפיטאן פוטיע, וועלכער איז געוועזען אין ראשפאר אויף אורלויב, ער זאל באלד צוריקקומען אויף זיין פאסטען און איז מיט דריי שיפען און א גרויס חיל קיין טולאן גערייזט, פון וואנען ער איז גרייט צו מארשירען נאך דעם מאראקאנישען גרענעץ.

פון ווענעצועלא מעלדען די לעצטע ידיעות, אז קאסטרא וועט

מאיר. אהן מיר ?... ווער האט איהם געקאנט ארויס טרייבען אהן מיר ?

פלארא. איך פארשטעה נישט, פאפאשא, אויף וואס דארפסט דו איהם, אז סאשא, אדער ווי די מאמאשא רופט איהם „שאשא“, וויל סאי וסאי נישט לערנען א ווארט יודיש ?...

מאיר. (אין כעס) הא ? ער וויל ניט לערנען קיין יודיש ? וואס הייסט ער וויל ניט ?

מאטוויי. האסט געוואלט ער זאל וועלען ? און איך האב אסך געוואלט ? צי דו האסט אמאל אסך געוואלט לערנען יודיש ?...

מאיר. (מיט די הענט אן הארצען) איך פרעג, ווער האט דאס געהאט א העזה ארויסטרייבען דעם לעהרער אהן מיר ?... איך בין דאכט זיך דא בעל-הבית, צי ניין ?... איך בין דאכט זיך א טאטע, צי ניין ? (ווארפט די קעץ פונ'ם טיש; סאשא וויל זיי אייפהויבען; דער פאטער טרייבט איהם דורך.) געה דיר מיט דער פאסקודסטווע צו אלדע שווארצע יאהר; (סאשא מיט די קעץ געהט אוועק; מלכה נאך איהם.)

III-טע סצענע

(די זעלבע אהן מלכה'ן און אהן סאשען.)

פלארא. (צו דער שוועסטער) אננא ! ווי געפעלט דיר ?

חנה. (נישט צו-גענומען די אויגען פונ'ם בוך) עס הויבט מיר ניט אן צו געפעלען...

מאטוויי. וואס הויבט דיר ניט אן צו געפעלען ?

חנה. (נישט צוגענומען די אויגען פונ'ם בוך) איהר אלע געפעלט מיר ניט...

פלארא. (צום ברודער) וואס זאגסט דו אויף אונזער קורסיסטקע ?

מאטוויי. (ציהט אויס אלאנגען פייף) פי-יו-יט !...

מאיר. (אויפ'ן זוהן, בייז) וואס איז דאס פאר א תנועה'לע ?... פייפען נאר ?.. שענע פאסטעמקעלעך !...

מאטוויי. איטליכער מענש האט זיך זיינע פאסטעמקעס.

מאיר. וואו ביזט דו ? צווישען מענשען ? צי אין א שטאל ?...

מאטוויי. (אויפגעטראגען) איך פארשטעה ניט, וואס פאר א מין טאן !... דו רעדסט מיט מיר ווי מיט סאשען... וואס בין איך איונגעל ?...

מאיר. דאנקען גאט וואס ניט קיין יונגעלע... נאר איך בין דאך עפיס א טאטע, צי ניין ?

מאטוויי. דו ביסט א טאטע, איך בין אבער נישט קיין יונגעלע; און בין גאר קיין בעלן ניט אויסהערען אזעלכע ווערטער...

מאיר. אז דו ביזט קיין בעלן ניט צו הערען, טא געה דיר גע-זונדערהייד !. וועמען ס'איז ענג, דער טריט אפ...

מאטוויי. (א שפרונג פונ'ם ארט מיט צארן) טפו זאל דאס ווערען !... (געהט אוועק, עס קומט אריין מלכה).

(פארטזעצונג קומט).

זיך מיזען אבזאגען פון דער מלוכה, ער קאן לענגער די מלוכה נישט פיהרען, ווייל איהם פעהלט געלד, די סאלדאטען האט ער אויפגעהערט צו צאהלען לאהן און דאס גאנצע פאלק איז מיט איהם שטארק אונצופריעדען, נאר ער האפט נאך, אז די אמעריקאנישע רעפובליק וועט איהם נישט לאזען פאלען. אמעריקא איז זעהר אויפגעבראכט אויף דייטשלאנד פאר איהרע לעצטע בעהאנדלונג אין ווענעצועלא; לויט קאסטראס רייד, בעטרעפען די שיפען, וואס דייטשלאנד האט צוגענומען פון ווענעצועלא מעהר פאר דעם געלד, וואס דייטשלאנד פאדערט פון איהר.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— די ווארשאווער שטאדט־פערוואלטונג האט געשיקט א בקשה צום פינאנץ־מיניסטער, ער זאל ערלויבען צו גרינדען אין ווארשא א חברה אויף צו בויען ביליגע דירות פאר ארעמע לייט.

— די חברה דאקטוירים אין מאסקווא האבען בעשלאסען צו בילדען א פעראיין, וואס זאל זארגען פאר קינדערס געזונדהייט.

— אין פעטערסבורג האט זיך געבילדעט א חברה צו פערברענען מתים. די חברה האט אויך אבטיילונגען אין אנדערע שטעדט.

— אין ניו־יארק האט מען נישט לאנג אויפגעבויט א שפיטאל פאר קראנקע פיש. יעדען טאג קומען 2 דאקטוירים אין אקוואריום (איין ארט, וואו מען האלט פיש) אונ בעטראכטען די פיש, וואס זענען דארט אונ אז זיי בעמערקען אז א פיש איז נישט געזונד, טראגט מען איהם באלד אוועק אין שפיטאל.

— דאס מיניסטעריום פאר פאלקס־בילדונג אין רוסלאנד האט בעשטעטיגט, אז די, וואס האבען געענדיגט דעם קורס פון א האנדעלס־שולע אונ ווילען אנקומען אין אין אפטייק אלס לעהרלינגס, ברויכען נאר האלטען עקזאמען אויף לאטיינישע שפראך.

— אויף דעם פערזישען שאך האט איינער געשאסען מיט א רעוואלווער. צום גליק אבער האט ער נישט געטראפען.

— אין מאדריד, די הויפטשטאדט פון שפאניע, איז געשטארבען דער מיניסטער־פרעזידענט סאגאסטא.

— די בלעטער לייקענען אב דעם קלאנג וואס עס איז ארויס, אז מען האט ביי דעם רוסישען מיניסטער דעם איסערען גראף לאמזדארף בעגנב'ט פאליטישע דאקומענטען.

— וואלדעק רוסא, דער געוועזענער פראנצויזישער מיניסטער־פרעזידענט, לייקענט אב דעם קלאנג, וואס עס איז ארויס, אז ער האט בדעה ווידער צו ווערען מיניסטער־פרעזידענט.

— נישט לאנג איז אין ריגא (רוסלאנד) געוועזען א שרעקליכער שטורם־ווינד, עס זענען אומגעקומען 100 מענשען דאס רוב פישערס, וועלכע זענען גראד בשעת דעם שטורם געווען מיט זייערע שיפלעך אויף דעם ים.

— אין פאריז האט זיך שוין אנגעהויבען דער משפט פון דער שווינדלער־פאמיליע העמבער. צוערשט האט מען פארגענומען דעם פערברעכער ראמאן ד'ארניאק; ער וויל דערווייזען, אז די פאמיליע קראפארד מיט דעם פערמעגען פון 100 מיליאנען זענען נישט קיין אויסגעטראכטע זאך.

— דעם 11 יאנואר, בשעת דער שפאנישער קעניג אלפאנס אונ די קעניגין טעריעזע זענען צוריקגעפאהרען פון קלויסטער, האט איינער אויסגעשאסען אויף די צווייטע קארעטע, אין וועלכע עס איז געזעסען דער הערצאג פון סאטאמאיאר. די קויל האט קיינעם נישט געטראפען.

דעם רוצח האט מען געחאפט, ער הייסט פאטא פאודראס, ער האט געזאגט, אז דער הערצאג האט איהם צוגעזאגט צו געבען א שטעלע אונ האט נישט געהאלטען קיין ווארט אונ דעריבער האט ער אויף איהם געשאסען.

געהרג'עט א מאסקאווער מיליאנער.

נישט לאנג האט מען אין מיטען העלען טאג געפונען אין מאסקווא דעם מיליאנער, באנקיער א. א. דזשאמגאראוו טויט.

די סבה, פאר וואס מען האט דעם מיליאנער נע'הרג'עט איז ווייל ער האט נישט בעצאהלט דאס געלד, וואס ער האט צוגעזאגט צו געבען בשעת מען האט איהם גענומען געפאנגען.

דער מאסקאווער באנקיער דזשאמגאראוו איז דעם 5טען סעפטעמבער פאריגעס יאהר 10 דעם זייגער ביינאכט געגאנגען פון קלוב צוריק א היים, אויפ'ן וועג זענען איהם בעפאלען 8 מענשען, האבען איהם איינגעוויקעלט אין א זאק אונ די אויגען ארומגעבונדען מיט א טוך אונ האבען איהם אריינגעפיהרט אין א הויז. דארט האט מען איהם געסטראשעט, אז זיי וועלען איהם הרג'ענען. דער מיליאנער האט זיי אנגעבאטען 125 רובל מיט דעם גאלדענעם זייגער, וואס ער האט געהאט ביי זיך, דערויף האט ער בעקומען איין ענטפער:

מיר זענען נישט קיין גזלנים, מיר זענען די פערטרעטער פון איין אויסלענדישען רעוואלוציאנערען קאמיטעט אונ מיר פערלאנגען פון דיר, דו זאלסט אונז געבען א בריעף צו דיין פרוי, זי זאל אונז געבען 100,000 רובל, אונ אז מיר וועלען בעקומען דאס געלד וועלען מיר דיך בעפרייען. דער באנקיער האט זיי ערקלערט, אז דאס איז אונמעגליך אונ האט זיי פארגעלייגט, זיי זאלען איהם בעשטימען איין ארט, וואו ער וועט זיי ברענגען נאר 30,000 רובל. זיי האבען דערצו מסכים געווען אונ דער באנקיער האט דערויף זיי געגעבען א צעטעל. אנשטאט צו ברענגען דאס געלד האט ער געבראכט פערקליידעטע פאליציי אונ מען האט די באנדיטען געהאפט. דערפאר האט מען זיך אן דעם מיליאנער נוקם געוועזען.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. ה' יצחק גאלדבערג אין לאדז, וועלכער האלט א פריוואט־שולע האט בעקומען איין ערלויבניש אבענד צייט צו לערנען העברעאיש מיט די יודישע שילער, וואס לערנען זיך אין די אלגעמיינע שולען.

— דאס פינאנץ־מיניסטעריום אין רוסלאנד האט ערלויבט צו צונעמען אין דער לאדזער האנדעל־שולע 5 יודישע שילער מעהר ווי די בעשטימטע צאהל.

— 12 יודישע לעהרער אין פערשיעדענע שטעדט אין רוסלאנד האבען בעקומען זילבערנע ארדען פאר די נוצען וואס זיי האבען מיט זייער בילדונג געבראכט.

— דער יודישער קרייז־דאקטאר אין קישענעוו ה' מיטשניק האט בעקומען דעם טיטול קאלעגיען־ראטה אונ דער יודישער דאקטאר אין דער ווינדאווער שטעדטישע שולע ד"ר פייטעלבערג האט בעקומען דעם טיטול האף־ראטה.

— ה' העניך על האנעס אויס ניקאלאיעוו האט בעקומען א גאלדענעם מעדאיל פון דער רוסישער רעגירונג, פאר די נוצען וואס ער האט געבראכט דער חברה צו שטיצען ארעמעליט.

— דער מיניסטער דעם אינערן האט ערלויבט צו עפענען אין קיעוו איין אבטהיילונג פון דער חברה „מרבי השכלה“.

— די אדמיניסטראציאן־פערוואלטונג אין רוסלאנד האט ארויס געגעבען א בעפעהל, מען זאל, לעת עתה, אויפהערען צו טרייבען די יודען,

וואס וואהנען אין סיביר. ביז דער סענאט וועט געבען א בעזונדערען בעפעהל.

— דער קאמיטעט פון דער פעטערסבורגער חברה „מרבי השכלה“ האט צוזאמענגערופען אין דער רוסישער רעזידענץ פערשידענע ספעציאליסטען, די חברים אויף דער פראווינץ, זיך צו האלטען איין עצה מיט זיי וועגען פערשידענע פראגען, וואס געהערען זיך אן מיט די בילדונגס־פראגראמע פון דער חברה.

— ענדע פאריגען חודש איז אין אדעסא געשטארבען דער יודישער שרייבער ר' משה באזילעווסקי. דער פערשטארבענער האט נעשריבען פיעל לעבענס־בעשרייבונגען פון יודישע גדולים אין די רוסישער שפראך און דער עיקר האט ער זיך בעוואוסט געמאכט מיט זיינע איינענע איבערזעצונגען פון תלמוד.

— די פירמא ראטהשילד אויס פאריז האט בעקומען די ערלויבניש צו גרינדען אין רוסלאנד צוויי באנקהייזער אין פעטערס־בורג און אין מאסקווא.

— צווישען די סוחרים איז ארויס א קלאנג, אז ווען דייטשלאנד מיט רוסלאנד וועלען שליסען א האנדעלס־בונד, וועט די דייטשע רעגירונג זיך סטארען, אז איהרע יודישע סוחרים זאלען האבען דאס רעכט צו זיין געשעפטסהאלבער אין גאנץ רוסלאנד.

עסטרייך-אונגארן. דורך וויען הערען נישט אויף דורכצופאהרען רומענישע יודישע עמיגראנטען נישט קוקענדיג אויף די גרויסע קעלטען וואס הערשט איצנד.

דייטשלאנד. דעם שופט ד"ר מאהר אין דארמשטאדט (הע־סען) האט מען צוגע'פסק'ט צו צאהלען 300 מארק, ווייל ער האט אויף דער רייזע בעליידיגט א יוד, א חוץ דעם האט איהם דאס העכערע געריכט שטרענג אויסגע'מוסר'ט דערפאר.

ענגלאנד. דער קאמיטעט פון דער חברה „אגודת אחים“ אין לאנדאן האט זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג מיט א בקשה זי זאל זיך אננעמען פאר די יודען אין מאראקא, וועלכע זענען איצט אין גרויס געפאהר מחמת די אונרוהען וואס זענען דארט.

פראנקרייך. די שווינדלער־פאמיליע עמבער האט אויסגעשווינ־דעלט געלד אויך ביי אסך יודישע באנקירען ווי: ביי חלפן 1,250,000 פראנק; האז 900,000 פראנק; ג. לעווי 900,000 פראנק; פאול בער־נארד 3,000,000 פראנק; אפענהיימער 1,700,000 פראנק; האדאמאר 180 300 פראנק; מאראס כהן 200,000 פראנק; סאלוואדאר קאהן 250,000 פראנק און סאמועל 1,000000 פראנק, און פון דעסטוועגען שאדעט ניט טערעזע עמבער צו שפיעלען איצט א ראלע פון איין אנטי־סעמיטקע.

— באראן ראטהשילד אויס פאריז האט צו זיין זילבערנע האכצייט, וואס ער האט נישט לאנג געפייערט געשאנקען 50,000 פראנק אויף צו היילען ברוסט־ און לונגענקראנקע.

אמעריקא. די אמעריקאנער בלעטער שרייבען, אז אין ריא דע זשענייראָ, די הויפט־שטאדט אין בראזיליע (אמעריקא) האט מען דעם פאריגען ראש השנה נישט געקאנט צוזאמענקלויבען א מנין אויף צו דאווענען, חאטש עס וואהנען דארט מעהר ווי 3,000 יודישע נפשות.

מצרים דער קארעספאנדענט פון „וואסחאד“ אויס פארט־סאיד שרייבט, אז דער יוד חיים כהן, וועלכען מען האט בעשולדיגט, אז ער האט געהארג'עט א מענשען צוליעב זיין בלוט, וואס ער האט נייטיג צו מצות און מען האט איהם צוגע'משפט א יאהר שווערען אסטראג, איז דורך דעם העכערען געריכט בעפרייט געווארען.

עמבער און דרייפוס.

די פראנצויזישע אנטיסעמיטישע צייטונג „גולוא“ האט אבגעדרוקט איין ארטיקעל, אין וועלכען דער שרייבער פעראייניגט דעם עמבער־סקאנדאל מיט דעם משפט־דרייפוס. לויט ווי דער שרייבער דערצעהלט האט דער בעוואוסטער לייטענאנט פאטי־די־קלאם, דרייפוס „סליעדא־וואטעל“ געשיקט א בריעף צו דעם פראנצויזישען קריגס־מיניסטער אנדרע, אין וועלכען ער האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ערלויבען איין אודיענץ ביי זיך, ווייל ער האט איהם מגלה צו זיין א וויכטיגען סוד. דער מיניסטער האט איהם געענפערט, אז ער קאן איהם דאס שרייבען אין א בריעף, נאר פאטי האט עס נישט געוואלט אויפ־שרייבען, ווייל ער האט מורא געהאט, מען זאל דאס נישט באלד אב־דרוקען אין די צייטונגען און האט זיך אויסגעזוכט איין אנדער וועג. ער איז אוועק צו לעהרע דעם „סליעדאוואטעל“ פון דעם משפט עמבער, נאך איידער מען האט די פאמיליע ארעסטירט און האט פאר־געלעגט, אז מען זאל איהם אויספרעגען אלס עדות. לעהרע האט עס איהם צוליעב געטהון, אבער ער איז דערביי זעהר פארזיכטיג גע־וועזען, ער האט איהם געהייסען קומען דורך א זייטיגע טהיר און האט איהם אין א בעזונדער צימער אויסגעפרעגט. פאטי האט דערמאנט די פערשמעלטע טעלעגראמע פון דעם איטאליענישען אטאשע פאניזארדי, וועלכער דער גענעראל־שטאב האט דאס צוערשט קאפירט און דערמיט בעשולדיגט דרייפוסען און דערנאך האט עס דאס מיניסטעריום פאר אויסלאנד ווידער קאפירט און האט אויסגעוויזען, אז אין די טעלעגראמע געפינט זיך קיין ווארט, וואס געהער זיך אן מיט דרייפוסען, און דער גענעראל־שטאב האט עס מיט א ביזן פאלש קאפירט. די נאציאנאליסטען אין פראנקרייך ווילען דערוויזען, אז נישט דער גענעראלשטאב האט פאלש קאפירט, נאר דאס מיניסטעריום פאר אויסלאנד. פאטי־די־קלאם בעשטעהט דערויף, אז די צווייטע קאפיע פון דרייפוסענס טובה וועגען איז געמאכט געווארען דורך די רעקאמאנדאציע פון מאראם עמבער, וועלכע האט זיך זעהר גוט פערהאלטען מיט דעם מיניסטער פאר אויסלאנד. פאטי זאגט, אז צווישען די כתבים אין ארחיוו געפינען זיך דאקומענטען וואס דערוויזען אז ער זאגט ריכטיג, אט אזוי ווערען די אנטיסעמיטען אין פראנקרייך נישט מיעד צו זוכען נייע בלבולים אויף דעם אומשולדיגען אומגליקליכען דרייפוס.

III. ציוניסטישע נייעס.

— ה' שווירלא פון באקו, (רוסלאנד) האט געשיקט 3,200 רובל צום דאקטאר הערצל אין וויען צו די הכנות, וואס זענען נייטיג צום בויען א יודישע אוניווערזיטעט. 2000 רובל האט ה' שווירלא אליין געגעבען און דאס איבריגע געלד האט ער צוזאמענגענומען פון אנדערע.

— אין לידא (ווילנער גוב') איז די צייטען געגרינדעט געווארען א ציוניסטישע חברה מיט דעם נאמען „אגודת צעירי ציון“. נישט לאנג האט די חברה געמאכט א קאנצערט, אויף וועלכען עס זענען זיך צו־זאמענגעקומען 350 חברים, דאס רוב בעלי־מלאכות.

ה' בן־יהודה אויס זיטאמיר שרייבט אונז:

דא האט מען נישט לאנג געגרינדעט א נייע אגודה מיט דעם נאמען „צעירי ציון“, וועלבע בעשטעהט פון יודישע יונגע בעלי־מלאכות. יעדען שבת קומען זיך צונויף פיעל חברים צו לערנען און מען האלט אויך רעפעראטען. עס זענען שוין דא אין דער חברה 130 מיטגליעדער און עס קומען נאך צו.

לאדזער בריעף.

לאדז, די גרויסע פאבריקען־שטאדט אין פוילען, אדער ווי די סוחר'שע וועלט רופט זי אן: דאס 2־טע מאנשעסטער, ציילט יעצט איז

אלגעמיין איינוואהנער ביז 400 טויזענד. דארונטער רעכענט מען איין ערך פון איבער 60 טויזענד יודען, וועלכע צעטיילען זיך אין 4 פערשידענע קלאסען, די ערשטע קלאסע זענען הייסע יודען — יודען מיט התלהבות, וועלכע וועלען נישט פערטוישען איין סעודת מצוה'לע, אדער נאר א מאנאפאלקע פאר'ן גאנצען ציוניזם — מיט דער קאלאניאל־באנק — מיט דעם נאציאנאל־פאנד אפילו, זיי האבען זיך יעדער זייער רבי'ן, זייער שטיבעל, זייער פאליטיק — אפילו זייערע אייגענע לאטערי־צעטלעך האבען זיי אויך.

די 2־טע קלאסע זענען אזוי יודען — דאס הייסט יודען אהין און אהער, געהען פונדעסטוועגען שבת אין שטיבעל אריין דאווענען, לאזען מאכען דעם רבי'ן א מי שברך, נאר מע טרעפט זיי אבער גאנץ אפט אין "שאנטאן" אויך און טרינקען שאמפאניער מיט חברה. די דריטע קלאסע זענען שוין יודישע דייטשען, אמת'ע אריסטאקראטען פון דור דורות — (אפשר פון 10 15 יאהר) מיט שווארצע צילינדערהיטע — אפילו אין דער וואכען, ווייסע האנדשוה, מיט הויכע אויפגעדרייטע וואנסעס, וועלכע קוקען אויף די איבריגע יודען אראב פון דער הויך און לאזען זיך באין אופן נישט איבערריידען אריינצולאזען דאווענען אין זייער סינאגאגע, שבת אדער יום טוב א יוד אין א געוועהנליך יודיש היטעל. די לאדזער יודישע אריסטאקראטען שטעהען נאך אין אנדערע הינזיכטען, פיעל העכער ווי ווארשאווער אריסטאקראטען, וועלכע לאזען זיך דאך אמאל אראב, ווען זיי האלטען עס פאר נייטיג שלום צו מאכען מיט חסידים, אז מען געהט קלויבען א רב, אדער ביי אויסקלויבען "דאזארעס", מע ווערד דאמאלס חבר מיט א ליאדע חסיד, און מפני דרכי שלום וועגען טרינקט מען אפילו א טרונק בראנפען אויף צוזאמען, אבי ניט קיין רעכטען רב צו לאזען צו נעמען, אדער א ציוניסטען חלילה צו קלויבען אלס דאזאר. די לאדזער אריסטאקראטען וועלען זיך שוין אזוי ווייט נישט ערנידריגען. די 4־טע קלאסע ווידער, זענען רוסישע יודען; אנגעפאהרענע פון גאנץ רוסלאנד, זענען אפילו נישט גאנץ ריין פון חסרונות. אבער דאס מוזען מיר פוילישע מודה זיין, אז זיי האבען אין זיך זעהר פיעל מעלות אויך, פערשטעהען גאנץ גוט ווי זיך בענעהן מיט יודישע אריסטאקראטען, מיט די מיטעלע יודען, אפילו מיט די ברענענדיגע חסידים אויך, אבי נאר צו פערדינען דאס קערבל, און וועלען זיך דווקא נישט געפינען בעליידיגט, מען זאל זיי אויך זידלען מיט די ערגסטע זלזולים. דאס הויפט געשעפט אין לאדז איז מאנופאקטור, מיט וועלכען מע בעקליידעט א האלב רוסלאנד און גאנץ פוילען דערמיט. כמעט אלע יודען דא זענען פאבריקאנטען, דאס הייסט ניט אלע פאבריצירען מיט אמאל, דען אמת'ע גרויסע פאבריקאנטען קאן מען אין לאדז איבערציילען אויף די פינגער, די איבריגע זענען נאר גלאט אזוי א פינף־זעכס חדשים פאבריקאנט, באנקראטירען זיך אב, ווי עס דארף צו זיין, דאן געהט מען שלאפען, און עס שטעהט אויף גאר א נייער יונגער מאן מיט א פרישען נדן, פאבריציערט אויך א פאר חדשים, דערנאך בלייבט ער שטיל, רוקט זיך אב אן א זייט, און מאכט פלאץ גאר פאר א פרישען פאבריקאנט, און אזוי געהט עס כסדר ווי א גלגל החוזר. קיין אנדער געשעפט אויסער מאנופאקטור איז אין לאדז נישט דא. טא וואס טהוען די אבגעפאהרענע פאבריקאנטען?

ווערען זיי מעקלערס — אבער דווקא נישט פון סחורה, ווייל דאס האבען ביי אונז צו גענומען אין מאנאפאל די ליטוואקעס, זיי זענען די קאמיסיאנערען און א פוילישער טאר זיך נישט צו ריהרען דערצו: זיי ווערען מעקלערס פון הייזער, מעקלערס פון דירות, האנדלען צו מיט א ביסל לאטערי־צעטלעך, און אזוי ווי פון דעם אלעם קלעקט קוים צו בעצאהלען נאר בלויז דירה־געלד אין לאדז, טראגט מען אריין אין איין וועגס צו היימישע בעקאנטע א ביסל פאפאווי'ס טהע, פסח'דיגען שפיריטוס אויף א גאנץ יאהר, אבי נאר נישט ליידיג געגאנגען, ביז עס מאכט זיך ווידער א שטיקעל געלעגענהייט, עפיס א גוטער שותף, און מע ווערד צוריק פאבריקאנט אזוי ווי געוועזן.

וואהלטהעטיגע אנשטאלטען — דאס הייסט צדקה־חברות זענען אין לאדז דא א גאנצער סך, אבער גאר א סך, און אזוי ווי איך בין זיכער, אז איך וועל איצטער אלע נישט געדענקען אויסצורעכענען, דעריבער האב איך גאר מורא אנצוהויבען, די איבריגע זאלען זיך נישט געפינען בעליידיגט. נאר דאך וואלט געוועזען א גרויסער יושר, אז די לאדזער יודען זאלען עפיס גרינגערן אויך א פאנד אויף צו מאכען א ווינקל, וואו די ארעמע יודישע קאליקעס נעבעך, וועלכע שלעפען זיך ארום אין די גאסען, זאלען האבען ווי אנידערצולעגען זייערע צעבראכענע ביינער. עס איז ווירקליך שרעקליך צו צוזעהען אויף טריט און שריט, ווי עס ראטשקעווען זיך ארום אין די גאסען קאליקעס פון אלע סארטען, קרומע, טויבע, שטומע, הינקעדיגע, קרעציגע, אזעלכע וועלכע האבען ליידער קיין פיס נישט און ריקען זיך מיט א ברעטל אויף דער ערד, לאהמע מיט קולעס, קרומע מיט אויסגעדרעהטע פנים'ער, קאליקעס, וועלכע מען טראגט ארום אויף די הענד, מען שלעפט זיי אין וועגעלעך, איהר קענט זיי בעגעגענען ארומשלעפענדיג זיך פאר מיטאג אין די שטיבען, געוועלבער, נאך מיטאג ליגענדיג אויף די טראטוארען, יעדע 0 שריט איין אנדער קאליקע. איינער זיצט אויף א שטיינערן טרעפל און שטרעקט אוים אויף דעם טראטואר זיין צעבראכענעם מיט שמאטעס באנדאזשירטען פוס, דער צווייטער זיצענדיג אביסל ווייטער — וועלכער וויל וואהרשיינליך ווייזען אז מיט יענעם איז נאך נישט קשה — האט ער חאטש איין פוס, לאז זיין א צעבראכענעם, אבער ער האט דאך גאר ני'שט, איין ארעמאן אהן ביידע פיס, זיצט ער שוין אין מיטען טראטואר, און קאנקורירט מיט דעם צווייטען. עס איז זעהר נייטיג צו זארגען וועגען א ווינקל פאר די ארעמע יודישע קאליקעס ביי אונז אין לאדז.

אברהם — טער.

מחשבות

פון

מ. י. ב.

עס איז דעם כלל ישראל שלעכט, רבותי. מע מוטשעט זיך היינטיגע צייטען, אז גאט זאל זיך מרחם זיין. דאגות און עגמת־נפש גאר אן א שעור און די פרנסות זענען אזוי דערשלאגען, אז מען קאן קוים אויפהייבען דעם קאפ. יודען זענען געוואונט תמיד אויף זיך צו טראגען און האבען א דרך זיך דורכצושטיפען אויף דעם עולם מיט קאשע און קרויט, מיט א טרוקען שטיקל ברויט, היינט אבער געהט דער

ענין טיפער: עס איז בעצם שלעכט. נישט נאר דער מעמד פרנסה, נאר טאקי אלצדינג. אלע זאכען, וואס זיי זענען געווען א חזוק פאר יודען, לאזען זיך אוים און עס איז פאר די דורות שווער הן אין רוחניות, הן אין גשמיות. דער סך־הכל איז היינט א גאנץ אנדערער פון אונטען ביז אויבען, פון יחיאל וואסערפיהרער ביז לייב תנחומ'ס, פון שמעיה ראובנ'ס ביז ראובן גרונמ'ס פון דעם פאהן. יודען, בני רחמנא טהוט תשובה! אז דאס איז אויך היינט ניט מעהר פארהאן ווי אמאל. מען איז מיעד און מען בעדארף זיך אויסרוהען. נו, נעם ווידער דעם זאק אויף די פלייצעס און געה, געה אהין, וואו דיינע אבות אבותינו זענען קיינמאל ניט געווען, געה פון איין גלות אין איין אנדערען.

און דער ענין גלות גופא איז א שווערע זאך משיג צו זיין. קיינער ווייסט ניט פאר וואס עס איז אזוי, נאר דאס ווייסען מיר, אז מיר יודען האבען זיך פערזינדיגט און אז גאט האט אונז געשאפען, כדי אונז צו לייטערען פאר אונזערע עונות. דער אמת איז, אז עס איז גארניט מעהר אויסצוהאלטען, אז עס דערגעהט עד עומקא דליבא, ביז אין הארצען אריין. יעקב ברבי משה, טהו אויס דעם ספאדעק און זאג דיר, אז דו ביסט אקבצן לדור דורות, שמואל יוכבד'ס נעם די טארבע און געה אין די הייזער.

איהר האט אלע געהערט די מעשה פון דעם בן־מלך און פון דער בת מלכה. ביידע זענען זיי געווען שען ווי די זון און האבען געטראגען די גילדענע קרוין, אבער נאכדעם זענען זיי פארטריבען געווארען פון דעם טאטענס טיש און מוזען קלויבען אין דער פרעמד ביינער... דער נמשל איז די כנסת־ישראל, גאטס פאלק, וואס ער האט זיי אויסגעוועהלט פון אלע אומות און זיי ארויסגעצויגען פונ'ם לאנד מצרים, כדי זיי זאלען איהם דיענען.. דאס איז דער תכלית הבריאה, ווי אונזערע חכמים זאגען און ווי יעדער בן תורה טראכט זיך, בשעת ער האט הנאה פונ'ם ספר, וואס ער קוקט אין איהם אריין. דער פשוט'ער עולם איז מיט דעם ניט יוצא. צרות מוזען אויך האבען איין עק. אז גאט וויל אונז שטראפען, זאל ער אונז חאטש געבען א מקום מנוחה און נישט לאזען שווארצען דאס פנים אין שכנות.

פונ'ם עולם התהו.

איהר ווילט וויסען: ווער, וואס און פון וואנען איך בין? א גלות־יוד, א יודישער ברויטגעבער און פון דער נארער וועלט בין איך!

היינט זעהט איהר מיך אין א גרויסער, רעש'ענדיגער שטאדט, און מארגען—אין א קליין שטעדטל, וואס טרינקט זיך בלחש אין דער בלאטע פון עניות ואביונות. אט בין איך אין א דארף, א פעלדקרעטש־מע, שלעפ זיך אין א וואגען פון א פשוט'ן בעל־עגלה און פלוצים—איך פליה שוין מיט'ן אייזענבאן אויף דער יבשה אדער מיט דער שיף איבער די ימים. די פארע האפט מיך און טראגט מיך, ווי א רוח א מלמד.

איך בין בעשטענדיג אין וועג. וואו איך טאג—נעכטיג איך ניט, און וואו איך נעכטיג—טאג איך ניט. מיין גאנץ לעבען איז א מין: א. א! א פאהרעניש, איילעניש, לויפעניש און פליהעניש;

דאס איז אזא מין פרנסה, איין אמת'ע יודישע פרנסה.

איך מוז, פערשטעהט איהר מיך כסדר לויפען, פליהען, בכדי דער אדער יענער זאל ביי מיר, חס ושלום, ניט אויסחאפען מיין גליק.

"די" און "יענע" יאגען נאך שטארקער, לויפען נאך גיכער און פליהען נאך ווייטער, כדי איך זאל ביי זיי ניט אויסרייסען זייערע גליקען.

די גאנצע קונץ, גוטע ברידער, בעשטעהט אין דעם, אז ווען איך בעדארף, למשל, זיין געשעפטליך אין קבצניפקע און פיהל, אז אין דער איינענער צייט קענען, חלילה, "די" אדער "יענע" דערווייל זיך אריינחאפען קיין אביוניפקע, — מוז איך אנווענדען אלצדינג, דאס הייסט, אויסקלערען, עפים אויפטהון אזוינס, אז איך זאל זיין, אי דא, אי דארטען, איידער "יענע" און "די" וועלען אהין קומען.

אודאי מאכט זיך, און דוקא צו אפט, ווען איך בין שוין גאר אין גאנצען פערזיכערט, אז איך האב עס אבגעארבעט אזוי קלוג, אזוי קונציג, און צום סוף...

איך קום צולויפען קיין קבצניפקע און טרעף "די"; אין איין אטהעם פליה איך שוין קיין אביוניפקע און... מזל־טוב; "יענע" מיט א שמייכעלע פון גליקליכע לצים פאהרען שוין צוריק...

אזוי דערעסט מען ניט, מע דערטרינקט ניט, דערשלאפט ניט און פטור פון רוה, פון לעבען...

ניט איינמאל, זיצענדיג אויף א בעל־עגלה'שען וואגען, ווען אויף מיין רעכטען פוס געפינען זיך א פאר פארשוינען און איבער מיין לינקען קריגען זיך צוויי יודען מיט איין אבגעדיענטען סאלדאט, אדער, שטעהנדיג ענגיץ אין א וואגאן פונ'ם אייזענבאהן, ארומגערינגעלט מיט א שרעקליכער מחנה מענשען פון אלע אמות העולם, צעטענה איך זיך:

"רבונו של עולם! אט דאס איז עס גאר? ... ווער, וואו און וואס בין איך? ... פאר מיין כח, מח און טבע זענען אזעלכע ענינים?... אט דערצו האבען מיך נערופען מיינע ריינע מחשבות? אט צו דעם האט מיך געצויגען און געוועקט די טייערע, הייליגע האפנונג?... וואו ביזט דו, יוגענד? וואו זענט איהר, וואס שווינט איהר, ריינע, פרומע מחשבות?!... ניין, ניין, דאס מוז נאר זיין אדער א בייזער חלום, אדער א ביטערער טעות..."

און איך הייב אן זינדיגען, און איך וויל שוין גאר איננאנצען ברוגז ווערען אויף דער גאנצער השגחה...

דער יוד, אבער וואס לעבט אין מיר, הערשט איבער אלע מיינע אברים, דערמאנט מיך, אז איך האב אמאל געשמאק געלערענט, און איך נעם זיך צו דער אלטער גמרא, עפען די פערשימעלט ספרים...

איך פרעג קשיות, ענפער תירוצים, איך זוך, נישטער אומעטום... איך בין מגלה סודות...

פאר וואס יעדער פון אונז, יודישע ברויט־געבערם, פערנעמט זיך דוקא, עפים אזוי ווי אויף להכעים, נאר דערמיט, צו וואס ער האט זיך נאר ניט פארברייטעט, און צו וואס ער טויג לחלוטין גאר ניט?

פאר וואס ווערען אונזערע מאיר־בערס, רובינשטיינס, אנטאקאלסקים, היינעס בערנעס מגלגל אין ברויט־האלץ־קוילען־הענדלערס, פאדראטשיקעס, און קרעמערס...

דערפאר, ווייל מיר און אונזערע נשמות זענען אין גלות...

דערפאר ליגט אויף אונזער יודיש לעבען, אויף אונזערע יודישע נשמות א קללה, א גרויסע, שרעקליכע קללה, אז דעם צער פון גלגול הנשמות זאלען מיר ליידען אי ביים לעבען, אי נאכ'ן טויט...

אויב אזוי,— ווער־זשע ווייסט? — אפשר בין איך אליין אויך ניט מעהר ווי א גלגול פון א גרויסען חוטא, מסוכנ'עם בעל־עבירה'ניק?... אויב אזוי,— בעדארף איך דאך טאקי, אהן עושר און אהן כבוד, גוט—גוט אויסגעריסען, פערשווארצט ווערען, אבקומען אויף דער וועלט, בכדי די זינדיגע נשמה מיינע זאל אבגעוואשען, ריין ווערען פון איהרע גרויסע און קליינע פלעקען?!...

אזוי, אזוי, מיר אלע, יודישע פרויטנעבערס, זענען גלגולים און זוכען תקון!...

ניט אומזוסט זעהר אפט, האטשע איך מוז דאך באשטענדיג איבערלייפען „די" און איבערפליהען „יענע", דרעה איך זיך ארום נעבען א פעלד־קרעטשמע ארום א בעל־עגלה'שען וואגען און פערגעס גאר, וואו איך האלט אין דער וועלט.

איך בעדארף, איך מוז פאהרען! איהר פערשטעהט?

דער בעל־עגלה האט שוין פון לאנג איינגעפאקעוועט אלע פאר־שוינען. ער פאיעט שוין די פערד. ער קוקט אין מיין זייט און שרייעט:

— רבי קרוב! איהר זעצט אייך אויף?

און איך דרעה זיך ארום און ווארט.

עס איז זומער־לעב. ארום און ארום לעבט, ווארעמט, זינגט... פלוצים דערפיהל איך מיט אלע אברים, אז איך וויל, קאן אויך לעבען, און מיר וויל זיך, מיט'ן הארץ, מיט דער נשמה, צוזויפנעקלעבט, אויסגעמישט ווערען מיט אלצדינג, וואס איך זעה, הער און פיהל,... נאר דער בעל־עגלה...

— רבי סוחר, די פוהר וועט אייך אוועקווארפען!

און מיך רופען, בעטען צו זיך די גרינע פעלדער, די זאנגען ביינען זיך, שאקלען מיט די פערוואכסענע קעפלעך אהין און אהער... זיי שטעהן שמונה־עשרה, טארען ניט אויסריידען, נאר זיי ווינקען צו מיר...

— וואס איז דאס מיט אייך דער מעהר, וואס כסדר מוז מען אייך, איך בעט איבער אייער כבוד, ווי די ערגסטע שקאפע אונטער־טרייבען?

אוי, גאטוניו, דער וואלד, דער שענער, פער'כשופ'טער וואלד!...

— א מין לץ, א צרה, א מין שלאק! כל המינים פערד האב איך שוין געזעהען אבער אזא מין פאסאן נפש האב איך נאך ניט בעגעגענט!

נאך, מששת ימי בראשית שטעהען זיי, די אלטע, הויכע ביימער, און שושקען זיך... אויף וואס, נאך וואס און צוליעב ועמען שטעהט די אלטע וועלט?... אפשר סוד'ען זיך די ביימער וועגען די גרויסע און שארפע ענינים?... זיי רופען, זיי ציהען מיך צו זיך...

— מאלט אייך, איך וואלט מיט איהם פשוט כפרות געשלאגען, וואס האב איך געטהאן מיט'ן ווייסען, געפגר'טען „קאשטאן"? וואס טהו איך מיט איין אבגעריבענער פאדקאווע? א שנה, ריינע כפרה פאר די לעבעדיגע „אדלערס"; אויף להכעיס אבער. צאהלט ער פאר דריי און זאגט ניט קיין דעה אין די לאקשען, זעצט איהם דא, לעגט איהם אהין — ער שווייגט; ווילט איהר — געהט ער צופוס. א שניי, רעגען, א בלאטע — ניט זיין עסק! א גוטער, טייערער בעל־עגלה'שער „לאשאק"... איך מיין, א טשיסטע קלימעק, א זאק האבער!

די פייגעל אין וואלד זינגען אדער זיי וויינען?... אפשר זינגען זיי און פרעהען זיך, ווייל זיי האבען מגלה געוועזען דעם גרויסען סוד פונ'ם אלטען וואלד? אפשר וויינען זיי, ווייל די מענשען ווייסען און פערשטעהען גאר ניט?... יא, יא, די פייגעל בעזינגען אדער בעוויינען די מענשען, די גליקליכע־אומגליקליכע מענשען, וואס ווייסען פון גאר ניט.

— הכלל, איהר פאהרט צו ניין?

מיין בעל־עגלה שפאנט שוין איין די פערד.

און איך דרעה זיך נאך אלץ אהין און אהער. איך קוק אין אלע זייטען און ווארט. טאמער...

אפשר וועל איך שוין פארט מעהר ניט בעדארפען פאהרען?... אפשר וועט זיך מיר נאך טרעפען אזוינס, אז...

נו, מיינע פאטער און מוטער זאלען אנקומען...

א, ווען זיי קומען אן, ווען זיי דערזעהען מיך!...

בריט, בריט עפענען זיי זייערע ארעם, פעסט, פעסט טיהעלען זיי מיך און דריקען מיך צו זייערע הערצער...

— זוהניניו! גענוג, גענוג דיר שוין יאגען, לויפען און פליהען! גענוג דיר זיין נע־ונד! רוה דיך אב! גלייך אוים דיינע קראנקע, צעבראכענע ביינער!...

איך דרעה זיך ארום און ווארט. איך האף...

אפשר וועל איך נאך בעגעגענען אליהו הנביא?...

ער וועט מיר דערלאנגען דעם גוטען גראשען, פון וועלכען איך וועל שוין קענען אלע מיינע יאהרען ציהען דאס שטיקעל פרנסה אהן די אלע פאהרעניש'ען, אויפטהועניש'ען, פליהעניש'ען און קונצען...

איך ווארט אויף „רבי לייב־שרה'ס"...

אז ביים לעבען האט ער בעשטענדיג געהאט „קפיצת־הדרך", — מכל־שכן נאכ'ן הסתלקות און פון דעם אמת'ן עולם!... ער קאן נאך און וועט קומען! ניט ער, גרויסער, אמת'ר אוהב־ישראל, האט אלע זיינע יאהרען, זיין גאנץ לעבען פערבראכט אויף אויסבעסערען, פער־גרינגערען דעם ביטערען, לאנגען גלות, — די גרויסע, יודישע צרות? ווי פיעל אומגליקליכע, פערמאטערטע יודישע נשמות האט רבי לייב־שרה'ס מתקן געוועזען?! וואס מאכט ביי איהם גאר אוים, געבען תיקון איין אומגליקליך נשמה'לע?

א, ווען ער קומט איצט אן און זאגט מיר: „קינד מיינס, גענוג! געה אין דיין רוה אריין!"...

— וויאו, לצים — שרייט שוין תנחום טראק און קנאקט מיט דער בייטש — וויאו, שדים!

טיעף — טיעף שטעק איך שוין ביי רבי תנחום'ן אין וואגען, ארום און ארום פערקרעמפעוועט מיט יודען, ווייבער, בתולות און גלייט אזוי בחורים...

מיינע עלטערן זענען ניט געקומען. לאנג, לאנג זענען זיי שוין אויפ'ן אמת'ן עולם...

אליהו הנביא בעגעגענט נאר דעם „איש חסיד", אי דאס זעלטען... און רבי לייב־שרה'ס...

זינט עס האבען זיך אנגעהויבען מעהרען און פערבעסערען די נייע מאדנע „גוטע־יודען", וואס לעבען ווי די גראבסטע שררים און דווקא נאר פאר זיך אליין — ווייזט זיך שוין מעהר ניט רבי לייב שרה'ס אויף דער וועלט...

א גלגול.

דער יודישער גלות.

די הארטע און שווערע מלחמה, וואס יעדעס בעשעפעניש פיהרט געגען די נאטור און אויך געגען די פיעל שונאים, וואס יעדער האט אין דער וועלט — די מלחמת הקיום, האט אין זיך א וואונדערליכען כח, אז זי אליין גיט זיי די מיטלען, ווייזט זיי דעם וועג וואו זיי זאלען געהן, וואס זיי זאלען טהון, כדי זיי זאלען האבען א קיום. יעדעס בעשעפעניש האט זיך איהרע כלי־זין מיט וואס עס שאפט זיך זיין בעדערפעניש, און דערהאלט זיך אויף דער וועלט. און וואס מעהר זיי בענוצען די כלי־זין, וואס לענגער עס דויערט די מלחמה, וואס דער מענש מיט די אנדערע ברואים פיהרען מיט דער נאטור און מיט זייערע פיינד, אזוי ווערען די כלי־זין אלץ שארפער אלץ בעסער צוגעפאסט צו דער שווערע מלחמה. די נאטורפארשער בעווייזען מיט אותות ומופתים, אז א סך גרויסע חיות, וואס האבען א מאל געלעבט אויף דער וועלט זענען אונטערגעגאנגען, גאנץ אויס־

געשטארבען, ווייל זיי האבען נישט געוואוסט ווי אזוי זיך צו פיהרען, כדי זיי זאלען זיך דערהאלטען און פערקעהרט ווידער אנדערע חיות שוואכע, וואס האבען געוואוסט ווי צו בענוצען זייערע פעהיגקייטען אין דער מלחמה זענען גראד געבליבען לעבען.

די אייגענע מלחמת־הקיום געפינען מיר אויך אין דער וועלט־געשיכטע, אויך דארט ווערד געפיהרט א שווערע מלחמה פאר דאס לעבען, נישט פון קיין יחידים, פון איינציגע מענשען געגען איינאנדער, נאר פון גאנצע פעלקער, פון נאציאנען. דא אין דער מלחמה זעהען מיר אויך דאס אייגענע וואס אין די פריהערדיגע מלחמות, וואס יעדער פיהרט פאר זיך. אויך דא האבען זיך דערהאלטען נישט די שטארקע, נישט די גרויסע נאציאנען וואס האבען געהאט א סך מענשען, א סך סאלדאטען. ניין! די גרויסע און שטארקע פעלקער, וואס האבען געהאט צו טהון מיט דער גאנצער וועלט, האבען זיך מיט אלע געטשעפעט, זענען גראד אונטערגעגאנגען, זייער נאמען איז כמעט אין גאנצען געווארען פערגעסען. געבליבען זענען נאר די וואס האבען געהאט א גרויסע אינווייניגע לעבענסקראפט און שטארקע טיעפע איינגעווארצעלטע מאראלישע כחות. די פעלקער ווי די איינציגע בריאים, וואס האבען גובר געווען אין דער מלחמה, איז נישט ווייל זיי האבען טאקי געוואוסט, האבען פארשטאנען מיט א שכל וואס צו טהון, ווי צו פיהרען די מלחמה כדי זיך צו דערהאלטען אויף דער וועלט. ניין! חלילה. מיט קאפשטיק, מיט חשבונות, פיהרט מען אין דער מלחמה נישט אויס, מען געווינט די מלחמה כמעט נישט וויסענדיג ווי אזוי עס איז געקומען, יעדער איינציגער טהוט זיך וואס פאר איהם איז ניצליך, געהט זיך זיין וועג און איז גאר נישט אויסען קיין טובת הכלל. ערשט צום סוף, אז מען קוקט זיך ארום, זעהט מען ערשט אז אלע אין זייערע מעשים האבען געזוכט, האבען געשטרעבט צו איין ציעל. דער אינווייניגסטער כח וואס וויל לעבען זוכט שוין אליין דעם וועג ווי דאס צו דערגרייכען, די ווירקונג פון אזא לעבענסקראפט געפינען מיר אויך אין דעם יודישען גלות.

איינער פון די גרעסטע וואונדער אין דער וועלטגעשיכטע איז געוויס דער: וואס פון אלע גרויסע פעלקער, וואס האבען א מאל געהערשט אויף דער וועלט, איז קיין זכר נישט געבליבען, נאר דאס קליינע שוואכע א סך מאל צעטרעטענע יודישע פאלק איז געבליבען לעבען, שטענדיג האט מען זיך געמאטערט דאס צו דערקלערען מיט א שכל. מען האט געוואלט פארשטעהן ווי אזוי א פאלק האט געקאנט בעשטעהן ווען זיין לאנד איז געווארען וויסט, זיין בית־המקדש צעשטערט און זיינע בעסטע. עדעלסטע זיהן און טעכטער זענען פערטריבען, צעזייעט איבער דער גאנצער וועלט? ערקלערען דעם וואונדער, בעווייזען דעם כח וואס האט דאס בעווירקט קאן מען נישט, דאס איז פון אונזערע אויגען פארבארגען. מיר קענען נאר זעהען דעם וועג וואס האט געפיהרט צו דעם אז די יודען זאלען האבען א קיום. און בעוואונדערן די מיטלען, וואס די השגחה האט בענוצט צו דעם צוועק. איינע פון די וויכטיגסטע סבות, וואס האבען נישט דערלאזען, אז דאס יודישע פאלק זאל אונטערגעהן גלייך מיט אנדערע פעלקער צוזאמען מיט זייער לאנד, איז דער יודישער גלות גופא. דער אמת'ער יודישער גלות, די צעשפרייטקייט פון דעם פאלק איבער דער וועלט הויבט זיך אן נישט ווי מען מיינט, ערשט נאך דעם חרבן. נאר אסך פריהער, און בשעת חרבן איז שוין דער גרעסטער חלק פון דעם יודישען פאלק נישט מעהר געזעסען אין ארץ ישראל.

דער דאזיגער פרייוויליגער גלות האט זיך אנגעהויבען זעהר פריה. באלד נאך דעם ערשטען חרבן געפינען מיר אין א פסוק, אסך יודען זענען אוועק קיין מצרים און האבען דארט געגרינדעט א יודישעי ישוב. דערנאך אז די יודען זענען אפילו צוריקגעקומען פון גלות און האבען אויסגעבויט דעם בית המקדש אין כורש'עס צייט, זענען די יודען נישט צוריקגעקומען, זענען פארבליבען אויף זייערע ערטער. אויך אין בבל זענען געבליבען אסך יודען, וואס האבען נישט געוואלט פארלאזען דאס פרוכטבארע לאנד און געהן אויפבויען זייער לאנד, דאס איז געווען דער אנהויב, אבער נאר קלייניגקייטען. די געוואלטיגע גרויסע אויסברייטונג פון די יודען אויף דער וועלט הויבט זיך אן אין אלכסנדר מוקדון'ס צייט.

אלכסנדר מוקדון'ס קומען און איינעהמען אזיע, האט געהאט אין יענער צייט אזא גרויסען איינפלוס אויף דעם לעבען און דער ענטוויקלונג פון די פעלקער אזוי ווי די ענטדעקונג פון אמעריקא אין די שפעטערע דורות. עס האט אויפגעשלאסען פאר די רוהיגע פערשלאפענע אריענטאלישע פעלקער א נייע וועלט, וואס האבען ביז איצט גאר נישט געקענט, און דעם וועלט־האנדעל אנגעוויזען נייע וועגען. די נייע שטעדט, וואס ער האט געגרינדעט זענען געווען בעשטימט דורך זייער לאגע צו ווערען מיט דער צייט די וויכטיגסטע האנדעלס־שטעדט. כדי צו דערגרייכען דעם ציעל האט מען געמוזט בעזעצען אין די שטעדט מענשעי, וואס זענען פעהיג צום האנדעל, וואס האבען אונטערנעהמונגס־גייסט. דארום האט אלכסנדר מוקדון אומעטום אין אלע שטעדט, וואס ער האט געגרינדעט, אויפגענומען די יודען פאר גוטע געסט. דער שריפטשטעלער יוסף בן גוריון הכהן דערצעהלט, אז אלכסנדר האט געגעבען די יודען גלייכע רעכטע מיט די מקדונים און ער האט זיי בעפרייט פון דעם מס, דעם קאפשטייער, וואס אלע אנדערע פעלקער א חוץ מקדונים האבען געמוזט צאהלען. זיין יורש סעלוקאס I. האט דאס אייגענע געטהאן ווען ער האט געגרינדעט די שטאדט אנטיוכיא. דאמאלס איז אין ארץ ישראל די לאגע פון די יודען נישט געווען זעהר גוט. זיי האבען שטארק געליטען פון די אינווענינגסטע מלחמות און אויסערע גרויסע שטייערן. דארום איז קיין וואונדער נישט. וואס האבען זיך געפונען א סך וואס האבען אויסגעוואנדערט אין די נייע אויסגעבויטע שטעדט. מיט דער פרייוויליגען אויסוואנדערונג זענען די מלכים נישט שטענדיג געווען צופרידען. עס איז פאר זייער צוועק געווען צו ווייניג, דעריבער האבען זיי שפעטער אנגעהויבען מיט געוואלד אוועקצופיהרען יודען צו זיך אין זייערע לענדער.

פטאלאמעאוס לאגי (I.) האט עטליכע טויזענד יודען מיט געוואלד בעזעצט אין מצרים. אנטיוכוס דער גרויסער (III.) האט צוויי טויזענד יודישע פאמיליעס אוועקגעפיהרט פון בבל קיין קליין אזיע און האט זיי בעזעצט דארט, זיי זאלען איהם אפהיטען די נייע לענדער, וואס ער האט איינגענומען. אויך דעמעטריוס (I.) האט פערלאנגט פון דעם כהן גדול יונתן, יהודה המכבי'ס ברודער, ער זאל איהם געבען דרייסיג

טויזענד יודען, צו בעזעצען אין די געגרינדעטע שטעדט. די מלכים האבען געהאלטען די יודען פאר א שטארק און געטריי פאלק, וואס מען קאן זיך אויף זיי פערלאזען, דארום האבען זיי בענוצט יודען אבצוהיטען די אונזיכערע ערטער, וואו זייער מלוכה איז נאך נישט געווען שטארק גענוג.

(ענדע קומט).

שאול יצחק סטופניצקי.

פאלקס געזונדהייט.

אנשטעקענדע קראנקהייטען.

(ענדע).

אסך האט שוין אייראפא געטהון און אויפגעטהון אין דעם ענין, כמעט אין אלע אייראפעאישע גרויסע שטעדט זענען דא קראנקהייזער ספעציעל פאר קינדער, ווי אויך פאלאטקעס, וואו מען האלט די אנשטעקענדיגע קראנקע יעדען בעזונדער; די אינסטיטוטען, וואס זענען געמאכט געווארען צו היטען די געזונדהייט פון דעם פאלק פערברייטערען זיך וואס א מאל מעהר. די דאזיגע אינסטיטוטען האבען צו זארגען פאר די געזונדהייט פון אזויגע קראנקע, וועלכע זענען איבער א געוויסע סבה נישט אריין אין די קראנקען־הייזער; אין אסך שטעדט זענען שוין דא עקסטרא הייזער צו ריינינגען די לופט פון אזויגע קליינע ברואים'לעך, וואס זענען שעדליך צום געזונד, מיט די נייעסטע מיטלען, וואס די מעדיצין האט ערפונדען. דער געבילדעטער עולם ווייסט זיך שוין אליין צו היטען. זיי ווייסען ווי געפעהרליך די קראנקהייטען סקארלאטין, דיפטעריט און מאזלען זענען און זונדערען אליין אב זייערע איבריגע קינדער פון דעם קראנקען; שלעכט איז נאר מיט דעם פראסטען אומגעבילדעטען עולם. זיי זענען נאך זעהר נישט פארזיכטיג, בפרט ווען עס טרעפט, אז עס שטארבט, חס ושלום, ביי עמעצען א קינד, דענסטמאל קומען זיך צוזאמען די קרובים און בעקאנטע פון דער אומגליקליכער פאמיליע, כדי צו ווייזען זיי, אז זיי נעהמען א טהייל אין זייער צער, העלפען זיי בעוויינען דאס יונגע קינד און פערגעסען בשעת מעשה, אז זיי שטעלען איין דאס לעבען פון זייערע קינדער אין סכנה, אז דער אייגענער געדונגענער וואגען, וועלכער האט זייער קרובים קינד געפיהרט אין דער אייביגער רוה וועט, חלילה, פיהרען אין אפאר טעג שפעטער אין דעם אייגענעם ארט זייערם א קינד, וועלכעס איז נאך איצט פריש און געזונד.

וויפיעל קינדער זענען געבעך אוועקגעגאנגען אהן א צייט פון דער וועלט, מחמת דעם טעות, וואס דער קליינשטעטלדיגער עולם האט געהאט און האט געהאלטען דעם קערפער פון א קינד, וואס איז געשטארבען פון איין אנשטעקענדיגער קראנקהייט פאר נישט שעדליך. די פראנצויזישע געלעהרנטע מארפאן און זשאן נאני האבען אונטערזוכט פיעל קערפערס פון קינדער, וואס זענען געשטארבען פון איין אנשטעקענדיגער קראנקהייט און האבען דערוויזען, אז אין די ערשטע טעג נאך דעם טויט, ווערד דאס אנשטעקעניש נישט שוואכער, אויב נישט שטארקער. ד"ר טיליצייעוו ברענגט אין זיינעם א מאמר, אינטערעסאנטע ידיעות וועגען די דיפטעריטישע עפידעמיע, וואס איז געווען אין יאהר 1884 אין איינינגע שטעדט פון וואראנעזשער גובערניע. ער ווייזט אויף, אז דאס רוב קראנקע זענען געוועזען אין די הייזער, וואו דער ערשטער דיפטעריטישער קראנקער איז געשטארבען, אז על פי רוב האט די קראנקהייט געהערשט צווישען די קינדער פון דעם פערשטארבענעמס קרובים, אז די עפידעמיע איז אריבער געשפרונגען אסך הייזער און האט זיך אבגעשטעלט אין אהויז, וואס איז גאנץ ווייט פון דעם הויז, וואו עס האט זיך אנגעהויבען, און דאס איז אלץ מחמת דעם, וואס די קרובים, וועלכע וואהנען ווייט פון דעם קראנקען קומען איהם מבקר־חולה זיין, אדער ווען דאס קינד שטארבט חלילה געהען זיי צו דער לויה, קומען מנחם אבל זיין און פערשלעפען די קראנקהייט צו זיך אהיים.

נישט פיעל בעסער געהט עס צו אין די גרויסע שטעדט. דארטען לייגט מען אריין דעם מת, וואס איז געשטארבען אויף איין אנשטעקענדע קראנקהייט, אין א געוואהנליכען הילצערנעם ארון, מען פיהרט איהם אוועק מיט אפראסטען וואגען, וואס מען דינגט ביי א פוהרמאן, און נאך דער מטה געהט נאך איין עולם פון דערוואכסענע מענשען און קינדער. דער פראפ. ד. א. סאקאלאוו, וועלכער איז געווען אויף די בית הקברות'ן פון פעטערסבורג, כדי צו דערווייזען, וואס פאר א סכנה עס קומט ארויס פון דעם מנהג, וואס מען געהט צו דער לויה פון א טויטען, ברענגט אין זיינעם א מאמר זעהר ניצליכע ציפערן. ער איז אין איינינגע טעג געוועזען אויף 7 בית הקברות'ן, אויף וועלכע מען האט מקבר געווען 4 קינדער, וואס זענען געשטארבען פון דיפטעריט, און צו דער לויה זענען מיטגעגאנגען 31 קינדער, צווישען זיי 8, וואס זענען נאך ביי די מוטערס ברוסט. אסך פון די 31 קינדער זענען נאכדעם אליין געפאלען אלס קרבנות אדער האבען איבערגעטראגען די קראנקהייט אויף זייערע חברים.

אזויגע פאקטען זענען דא אסך און מען דארף דעריבער מלחמה האלטען מיט אלע כחות געגען דעם. דאס בעסטע מיטעל, וואלט אודאי געוועזען, מען זאל זעהן צו פערברייטען די היגיענישע כללים צווישען פאלק, אזוי אז יעדער זאל וויסען ווי גרויס די סכנה איז וועלכע ער קאן מיט זיין נישט פארזיכטיג זיין, געהן מבקר חולה אנשטעקענדע קראנקע, ברענגען אויף אסך קינדער. נאר דערפון זענען מיר לעת־עתה נאך זעהר ווייט.

אין פרייסען האט מען שוין מיט 20 יאהר צוריק פארגעשטעלט א פראיעקט, אז מען זאל אלע מתים, וואס זענען געשטארבען פון איין אנשטעקענדע קראנקהייט, איינוויקלען אין א ליילעך, וועלכעס מען האט פאר דעם דורכגעשפריצט מיט געלאשענעם קארבאל־זויער, מען זאל די מתים נישט מטהר זיין, אפילו אין קיין תכריכים נישט אנטהון, נאר באלד ארייןלעגען אין איין ארון, וואס איז אויסגעשמירט מיט סמאלע, און מען זאל, פאר קיין אופן, קיינעם נישט לאזען געהן צו דער לויה. אזויגע פראיעקטען האט מען מיט 10 יאהר צוריק פארגעשטעלט אויך אין פאריז און אנדערע גרויסע שטעדט פון פראנקרייך, דארטען האט מען אפילו פארגעלייגט, מען זאל דעם בר־מינן ארייןלייגען אין איין ארון, וועלכען מען האט פריהער מיט זעגעכץ אנגעשאטען און דעם ארון גוט פערמאכען.

אין בעלגראד (די הויפטשטאדט פון סערביע) האט אין יאהר 1891 די פאליציי זעהר שטרענג פערבאטען צו קושען דעם מת, וואס איז געשטארבען אויף איין אנשטעקענדער קראנקהייט (א מנהג, וואס

איז נאך עד היום נוהג אין סערביע). דער פערבאט איז ארויסגעקומען טאקע מחמת דעם, וואס צוליעב דעם דאזיגען מנהג, איז אין בעלגראד אויסגעבראכען א שרעקליכע דיפטעריטישע עפידעמיע. מיר אבער דארפען נישט ווארטען ביז דאס אומגליק וועט אונז צווינגען ביי אונז אויך די דאזיגע מיטלען איינצופיהרען, מיר דארפען עס טהון בעצייטענס.

נישט לאנג איז אין פעטערסבורג ארויס א קול, אז מען וועט פארלעגען א פראיעקט, מען זאל אסר'ען צו פיהרען געשטארבענ'ע קינדער אין די געוואהנליכע וועגען, אין וועלכע מען פיהרט גרויסע געשטארבענע.

די וועגען וועלכע זענען בעשטימט אוועק צו פיהרען געשטארבענע קינדער, דארפען זיין שווארץ געשטריכען: מען דארף אזויגע וועגען בעשלאגען מיט אזא מאטעריאל, וואס מען קאן עס לייכט ריינינגען, דהיינו פון וואכס-טוך, לעדער אדער האלץ אנגעשטריכען מיט עהל-פארב. דער גוף פון דעם בר-מינן, וואס איז געשטארבען פון איין אנשטעקענדער קראנקהייט, דארף מען באלד אריינלעגען אין איין ארון און צודעקען מיט א דעק, וועלכען מען זאל פאר קיין פאל נישט עפענען. דער ארון מוז געמאכט ווערען, אז עס זאל קיין שום פייכטיגקייט נישט דורכלאזען און דער דעק מוז גוט צום ארון צוקומען.

מיר ווינשען זעהר, אז דער עולם זאל אונזערע ווערטער לעזען מיט כונה, עס זאל איהם נישט אין איין אויער אריין און פון דעם אנדערען ארויס. איינע פון די גרעסטע מצוות ביי אונז יודען איז „ושמרתם לנפשותיכם", דאס הייסט איהר זאלט היטען אייער לעבען; מען דארף צוליעב א מנהג נישט שטעלען דאס לעבען פון טויזענדער נפשות אין סכנה. מען דארף זעהען אבצוהיטען די אלע אויבענדערמאהנטע כללים, אונזערע מוטערס א סך צער און יסורים פערשפארען און וועלען אויסהאדיווען געזונדע און שטארקע קינדער.

ש — ג.

די בעל-הבתי'שע ליטעראטור.

(ענדע).

„עס איז געוועזען צייטען — איז זיך אונזער מחבר מודה — וואס איך פלעג טראכטען, איך וועל פאהרען גלייך קיין ווין און צופאהרען גלייך צום דאקטאר הערצל, אנקלינגען, בעטען א „וויזיט" אויף צעהן מינוט און וועל איהם זאגען אזוי: הער דאקטאר! אזוי ווי דו ביזט דאך די קאפ פון אלע ציוניסטען, דו ביזט דאך דער טאטע פון אלע יודען היינטיגען טאג... דו ביזט דאך דער דאקטאר וואס דו היילסט דיוואונדען פון די הערצער ביי אלע קראנקע מענשען פאר הונדערט טויזענד מייל... איך בעט דיך, ליבער דאקטאר, שרייב צו אט די צוויי רעצעפטען: תפלין און ציצית!"...

איהר הערט? פריהער האט ער געוואלט ציצית, איצטער וויל ער שוין תפלין אויך: א יוד האט דיר גרויסע אויגען, א יודען איז דיר קארג די גאנצע וועלט!...

„נאר דערנאך — אזוי דערצעהלט אונז ווייטער אונזער בעל-הבתי'שער בעל-מוסר — דערנאך האב איך מיך מישב געוועזען, און וואס וועל איך טהון אז דער שווייצאר וועט מיך נישט צולאזען?"...

הערט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען, רבותי, אט דער שווייצאר, לעבען זאל ער, איז טאקי א חיות! מי יודע וואס פאר סברות און וואס פאר עצות און וואס פאר איינפאלען מיר וואלטען זיך געקאנט אנהערען אלע טאג פון יעדען איינציגען לייזיג-גאנגער, ווען ביי אונז ביי דער טהיר זאל נישט שטעהן קיין שווייצאר און זאל ניט א פרעג טהון גלייך אין פנים אריין „טשטא נאדא?"... *)

איהר מיינט אפשר, אז נאר איין מאל אדער צוויי מאל האט זיך געטראפען, וואס אונזער עברי אנכי האט חשק געהאט זיך דורכפאהרען צום דאקטאר הערצל מכח דעם ארבע כנפות אויבע אויפ'ן פראק?

„אלע טאג — זאגט ער — קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען אין פאנטאזיע, אט פאהר איך צו הערצל'ען גלייך, אהן שעמעריי; גלייך צו נארדוי, וואס האב איך מורא? איך וויל זיי ארויסזאגען וואס ביי מיר אויפ'ן הארצען, וואס אויפ'ן לונג דאס אויפ'ן צונג. מעהר ווי ארויסטרייבען וועלען זיי דאך מיך ניט!..."

געפעלט אייך אביסל דאס פראסטקייט פון אונזער בעל-הבתי'שען בעל עצה! ער איז מוחל אויף זיין כבוד, ער איז אנגעברייט ממש מקריב זיין זיך צוליעב דער אידעע — מעהר ווי ארויסטרייבען וועט מען איהם דאך ניט, היינט וואס האט ער מורא?...

„אבער פונקט אין מיטען דערמאהן איך מיך — אזוי איז ער זיך מודה גאנ'ץ אפענטליך, ווי דער שטייגער איז פון די בעל-הבתי'שע מחברים — קיין גביר בין איך ניט, דאס הייסט במחילה גאר א גרויסער קבצן; פטר'ען, ווי מע זאגט, די לעצטע עטליכע גראשענס און גאר נישט מאכען, איז עפים גאר ניט געשמאק, ביי די לעצטע יאהרען..."

איהר פערשטעהט צי ניין? פארט א יודישע קאפ! א יוד גיט עצות, מאכט פלאנען, פאהרט אין דער וועלט אריין, האט קיין מורא ניט פאר ארויסטרייבען, וועמען הערט ער? — און קומט צו עפים — זיצט ער אין דערהיים, ווארום א מענש א בר-דעת הויבט זיך ניט אויף פלוצים אין מיטען דרינגען פאהרען צו הערצלען קיין ווין: פאהרען פאהרט מען אויף טארגעס, אויף א יריד, אדער אזוי א געשעפט, אבער ניט גלאט אזוי צו א מענשען וואס איך קען איהם ניט און וייס איהם ניט, געבען עצות; פריש, הייסט דאס, און געזונד און משוגע!...

די בעל-הבתי'שע מחברים, אז זיי האלטען שוין ביי שרייבען, דאס הייסט אז זיי פערקאטשען די ארבעל און זעצען זיך אוועק שרייבען, שטעהען זיי ניט אויף פונ'ם טיש, לייגען נישט אוועק די פען, און בערוהיגען זיך נישט, ביז זיי געבען נישט ארויס פון זיך אלצדינג וואס זיי האבען אינוויינינ און ליידיגען זיך נישט אויס אין גאנצען, ביז עס בלייבט שוין ביי זיי נישט איבער גאר נישט, קיין סימן אפילו. דעריבער גיסט זיך ביי זיי תחלת ווי פון א פאס, און אז סע קומט צום סוף קוועטשען זיי ארויס פון זיך שיטערע געדאנקען, וואס קלעבט זיך ניט א ווארט צו א ווארט, נאר ארויסזאגעי מוז ער דאס, איבערלאזען ביי זיך קאן ער נישט, און אגב ווילט זיך איהם טאקי באווייזען וואס ער קאן. איהר מיינט דאך א ודאי, אז א יוד וואס קאטארי ער האלט ניט פון טרפה פי... פי... פירישקעס און „כל-בת", ווייסט שוין ניט וואס אין פראנציע טהוט זיך? וואס געהער זיך אן דאס מיט דעם? איך בין מיר טאקי א יוד פונ'ם אלטען שניט

---

*) וואס וויל מען?

א יוד וואס האלט פון שלחן ערוך, מזוזות, ציצית און תפילין, נאר אין וועלט־זאכען, חכמות, קענטעניס, וויסענשאפטען, וועל איך זיך אויסגלייכען מיט אלע אייערע גרעסטע, און ווער שמועסט דארט וואו ס'איז שייך צו פאליטיקע און פילוסופיא וועל איך אפשר פערשטעקען אין גארטל אלע אייערע סלאנימסקעס, מיט אייערע סאקאלאווס, מיט אייערע אחד־העמ'ס. אט הערט אימיסטנע ווי דער עברי אנכי לאזט אויס זיין שמועס מכח ציוניזם און מכח אמונה:

„איך פארשטעה גלאט ניט — זאגט ער — וואס ווילען מיר דארטען אין ארץ ישראל טהון אהן גלויבען? שטעלט אייך פאר, אז די ציונים האבען אונז אריינגעבראכט קיין ארץ ישראל; עס איז שוין געווארען א גרויסע באנק; רויטשילד מיט אלע גרויסע גבירים האבען גענומען זיך מיט זייערע קאפיטאלען אין דעם געשעפט; הערצל, נארדוי, אלע גרויסע מענשען ארבייטען אין די הויכע פענסטער — אלע מלכים האבען אויף אונז רחמנות געהאט, אזוי ווי מיר האבען געזעהען, ווי גרויסע גאר שטארקע פראוויטעלסטוועס בעטראכטען א קליין פאלק און מע טהוט דעם א טובה — הקצור מיר זענען שוין אין ארץ ישראל. יא, לאמיר זיך פארשטעלען אויף א קליינער ווײלע אזא קארטינקע; זעהר פיין, זעהר שיין! אבער וואס ווילען מיר דארטען פארט טהון אהן א גלויבען?..."

מיר זענען דאך שוין פארטיג, פערשטעהט איהר מיך, מיט אלסדינג ארום און ארום און עס געהט אונז נאר אפ א גלויבען, און אזוי ווי די ציוניסטען לייקענען דאך אפ מן הסתם דעם גלויבען, אז ניט, צו וואס קלויבען זיי זיך צונויף מיט זייערע דאקטוירים און מיט זייערע ווייבער אלע מאל אויף „סאבראניעס", זאגען „רעטשען" און פליעסקען בראווא? פון וואס רעדט מען דארטען? פון ציצית און תפילין ניט א לעק, נאר פון טרפה פי... פי... פירישקעס מיט „כל־כת". לכן האט זיך אונזער בעל מוסר יעקב ב"ר ליב סאטמאן אנגענומען די קריוודע פון הקדוש ברוך הוא און איז ארויס ווי א מליץ יושר פאר אונזער הייליגער אמונה מיט אלע זיינע לעצטע קרעפטען.

„אדרבה — זאגט ער — זאל מיר איין מענש געבען א ראיה פון נאך א פאלק וועלכע עס גלויבט ניט און לעבט פאר זיך און ס'איז שלום ושלוה? מיר ווייסען די גליקען וואס פראנציע האט געמאכט."

אז אך און וועה איז נעביך פראנציע, אז זי איז אריינגעפאלען צום עברי אנכי אין מויל אריין, האט איהר שוין א ודאי איהר ניט וואס צו מקנא זיין!... צו בעפעסטיגען דעם רעיון פון אמונה ברענגט אונזער בעריהמטער פאליטיקער יעקב ב"ר ליב סאטמאן אזא משל:

„ווער טהוט אן דעם ערשטען מאל אויף דעם קייסערס קאפ די קרוין אויב ניט א רב? ווער בענשט דעם מלך מיט זיין פרוי מיט זיינע קינדער אין דער בעסטער צייט אויב ניט דער הייליגער מענש? גלייך ווי א מלך קאן ניט זיין אהן א פאלק, אזוי קאן א מלך מיט זיין פאלק ניט זיין אהן א גאט!..."

עס קומט אויס דערויף: אזוי ווי א בייגעל איז קיילעכיג אזוי איז דאס לעבען ביטער, און אזוי ווי שניי איז ווייס אזוי דרעהט זיך מיר דער קאפ...

צום סוף בוך רעדט אונזער בעל־הבית'ישער פערפאסער א ביסעל פון דער „ציוניסטישע מאביליזאציע" דאס הייסט פון צונויפזאמלען אונזערע ציוניסטישע כחות, און דערמאנט דאס ווארט מאביליזאציע היבשע עטליכע מאל, כמעט אויף יעדער שורה, צו בעווייזען, אז דאס דאזיגע ווארט, חאטש ס'איז אפילו א הארבליך ווארט, וואס ניט יעדער יוד פערשטעהט וואס דאס איז און גישט איטליכער קאן דאס אויסרעדען אויפ'ן ניכטערען הארצען, פון דעסטוועגען נאט הוקט, מיר ווייסען דאס אויך! זעהט, אדרבה וואס מיר זענען! אט האט איהר א יודען דאכט זיך מיט ציצית און מיט תפילין און דווקא אהן „כל־כת" און אהן טרפה פי... פי... פירעשקעס און פון דעסטוועגען אז איהר ווילט רעדט ער אייך פון מאביליזאציע, פון ציוויליזאציע, מאנציפאציע, קאנאליזאציע, און פון וואס ניט?...

שלום־עליכם.

ליטעראטור און קונסט

— דעם היינטיגען חנוכה האט מען אין האמעל (רוסלאנד) פארגעשטעלט א דראמא אויף העברעאיש מיט דעם נאמען „יהודה המכבי", וועלכעס דער יודישער שרייבער ק. ל. סילמאן האט פערפאסט. פארגעשטעלט האבען עס קינדער פון דער שולע, וואס ה' אדלער האלט. די דראמא האט ביין עולם שטארק אויסגענומען.

— דער רוסישער שריפטשטעלער מאקסים גארקי שרייבט איצט א דראמא „Жидъ" (דער יוד).

— עס איז ארויס דאס ערשטע העפט פון דעם העברייאישען מאנאטליכען איליוסטרירטען זשורנאל „הקשת", וועלכער נעהט ארויס אין בערלין אונטער די רעדאקציע פון ד"ר יוסף ליאן. אין דעם דאזיגען העפט געפינען זיך ארטיקלען פון: ברײנען; בעראן פון מינכהויזען; טורב; טשערניחאווסקי; סלאשטש; פיכמאן און נאך אנדערע. אויך בילדער און איליוסטראציעס פון: ליליען; הערמאן שטרויך און נאך אנדערע.

אלערליי.

(א שמיעד א שריפטשטעלער). אין אואיילס (ענגלאנד) געפינט זיך א שמיעד מיט דעם נאמען זשאן זשאנס, וועלכער לעבט פון ארבייט אין קוזנע. אין די צייט ווען ער איז פריי, בעשעפטיגט ער זיך מיט ליטעראטור. שוין 40 יאהר אז דער שמיעד שרייבט איינציגע ווערק און פערפאסט שירים. זיין הויפט ליטעראַרישע ארבייט בעשטעהט אין דעם זאמלען אלטע מאנוסקריפטען, וועלכע ער גיט ארויס. די לעצטע צייט איז ער געצוואונגען געווען צו פערקויפען זיינע געזאמעלטע מאנוסקריפטען און פאר דעם געלד צו דאקטערען זיין זוהן, וואס איז קראנק אויף שווינדזוכט. דער אלטער ארעמער שמיעד האט גרויס צער דערפון, וואס ער קאן זיינע ליטעראַרישע ארבייט נישט ווייטער ארבייטען.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— די חברה דאקטוירים אין מאסקווא, האט דערלאנגט א בקשה צום מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג, מען זאל צו לאזען פרויען אין מעדעצינישען פאקולטעט פון מאסקאווער אוניווערזיטעט.

— דער פעטערסבורגער פעראיין צו שיטצען פרויען ארבייט אויס א פלאן צו ארגאניזירען און איינצוארדענען אבטיילונגען פון דעם פעראיין אין א סך שטעדט אויף דער פראווינץ.

— נישט לאנג איז אין פעטערסבורג געווען דער ערשטער „אבענד" פאר די מייסטערינען און שילערינען פון די ארבייט אנשטאלטען, וועלכע דער פעראיין צו פערבעסערען די פרויען־לאגע האט געמאכט. אויף דעם „אבענד" האט געשפיעלט מוזיק און מען האט געטאנצט און גוט פערבראכט. אזוינע אבענדע וועט זיין 2 מאל אין חודש.

— די אלמנה פון דעם סוחר אסטראוחאו אין יעקאטרינעסלאוו (רוסלאנד) האט מנדב געווען 100,000 רובל צו בויען א שפיטאל פאר ארעמע קראנקע קינדער.

II. יודישע נייעס.

— דער לאנדאנער יודישער פרויען־פעראיין האט מודיע געוועזען ביי דער לעצטער אספה, וואס איז נישט לאנג געוועזען, אז היינטיגעם יאהר האט מען צוזאמענגענומען 19,220 קליידער. דערפון האט מען שוין צעטהיילט ארעמע קינדער 16,839 קליידער.

— די פרוי פון דעם לאנדאנער לארד ראטהשילד האט מנדב געוועזען אין דעם טאג פון איהר זילבער האכצייט 25,000 פראנק אויף פערשיעדענע צדקות.

דאס יודישע פרויענגליק.

אמאל ביי אונז יודען פלעגט מען חתונה האבען יונג, די פרוי האט בעזארגט די הויזליכע זאכען און דער מאן — די הויז־הוצאה. איהם איז ניט געווען צו שווער אויסהאלטען זאגאר א פאמיליע פון 10—15 פערזאן; די מוטער ווי אויך דער פאמיליענפאטער פלעגט זיינע קינדער האדעווען, לעהרנען, חתונה מאכען, ניט נאר טעכטער, נאר אפילו זיהן און געהאלטען פאר א הייליגען חוב דאס יונגע פאר, די ערשטע צייט, ווי ווייט מעגליך צו שטיצען, געבען זיי וואהנונג, קעסט א. ד. ג. פון לוקסוס האט מען אמאל ניט געוואוסט, נאר עסען, טרינקען, קליידען זיך פלעגט מען אמאל אויך ניט שלעכט און איינפונדעווען א טאכטער מיט איין אויסשטייער, אז זי פלעגט נאך אלס באבע קענען בענוצען איהרע חתונה־קליידער.

ביי היינטיגער צייט, ווי דער יונגער מאן אזוי אויך דאס פריילין האבען חתונה אלט און אפטמאל גאר ניט, קיין האפנונג אין דער השגחה איז ניט דא, ער ציטערט פאר דעם חתונה האבען ווי פאר'ן טויט און ווען ער ענטשליסט זיך יא אמאל דאצו, פערלאנגט ער אויסער געלד, שיינהייט, און רייכע אויסשטייער, און אויך דאס פריילין זאל נאך איהם העלפען פערדיענען, מיטשלעפען דעם יאך פון'ם לעבען. ווען גאט גיט א קינד זוכט מען אלע מיטלען אנצווענדען, די פאמיליע זאל ניט ווערען גרעסער.

מייסטענס ווערען יעצט געשלאסען אזא ארט שדוכים: ער איז א בוכהאלטער, זי איין אקושערין; ער א לעהרער, זי דענטיסטין; זי האלט א מעדכענשולע, ער איז איין אגענט. דאכט זיך ניט שלעכט, ביידע פערדיענען, קינדער איז ביי אלעמען ווייניג פאראן, ביי אנדערע גאר ניט, און דאך — וואו איז די הצלחה? מען ארבייט ביידע קוים אויס דאס שטיקעל פרנסה.

די פרויען־עמאנציפאציאן האט אויסגעפירט, אז דער פרוי איז יעצט אין פיעל זאכען בעסער, זי האט ערדייכט פיעל וואס זי האט געוואלט. מיר האבען יעצט דאקטארינען פון מעדיצין, מאטהעמאטיק, די מאדען, דאמענקליידער זענען ביי פרויען אין די הענד; זיי האבען שוין דאס רעכט גלייך ווי די מענער, אפטמאל שווער און ביטער צו ארבייטען אויפ'ן שטיקעל ברויט, — אבער פיהלען זיי זיך גליקליך? — דאס איז נאך איין אפענע פראגע.

אמת, זי איז יעצט ניט געצוואונגען צו זיצען ווי אמאל ביי די עלטערן אוןווארטען אויף דעם חתן, דאס גוטע וואס די עמאנציפאציאן האט איהר געבראכט און פאר וואס מיר פרויען דארפען איהר דאנקבאר זיין, איז די פרייהייט צו געהן פאר אזא מענשען וואס איהר געפעלט און מאכען זיך אהיים ווען איהר געפעלט. נאר יעדע זאך האט איהרע צוויי זייטען, און די שלעכטע זייט דערפון איז דאס אליינפערדיענען. די זעלבסטשטענדיגקייט האט אין איהר געטייטעט דעם וואונש וואס פריהער איין אייגענעם ווינקעל צו זוכען. נאר איז זי דען אין גאנצען אין דעם שולדיג?

יא, זי איז יעצט שטאלצער ווי אמאל און זי האט רעכט צו האלטען הויך דעם קאפ, דאס אליין פערזארגען זיך האט איהר ביי זיך אליין אין די אויגען אויפגעהויבען, פריי קוקט זי יעצט אויף דער וועלט: „איך בין מענש גלייך מיט אלע!" יונג און אלט מוז איהר אכטען און ווען עס האט איהר „אין לעבען ניט פאסירט", ד. ה. זי האט ניט געהאט דאס גליק צו טרעפען אזא מענשען וואס זי האט געוואלט מיט איהם מאכען זיך אהיים און זי בלייבט זיצען, פאלט זי ווייניגסטענס קיינעם ניט צו לאסט און איהר בלייבט דער טרייסט זי דארף צו קיינעם ניט אנקומען.

אבער די מענער, מיינסטענס פערברענטע געגנער פון דעם פרויענרעכט — בעטראכטען עס אנדערש: „גוט אויסגעפיהרט, לאכען זיי זיצען ביז'ן גרויען צאפ!" (ווי גלייך די מענער טיילען דאס גליק אדער דאס אומגליק אויף דער וועלט). פריט איך ניט צו פריה, ניט איהר נאר די פרויען האבען געמאכט א בונט געגען חתונה האבען, אייערע גאלדענע צייט איז שוין לאנג פארביי, ווארפט אוועק אייער פוסטען מענערשטאלץ. אום צו חתונה האבען איז שוין היינט ווייניג דאס קענען אסך פערדיענען, וואס הארעווען הייסט און פערדיענען ווייסען מיר פרויען שוין היינט אויך, פאר נויט אין לעבען האבען מיר שוין היינט אויך קיין מורא ניט. די פרויען פערלאנגען יעצט פון אייך עטוואס גרעסערס, בעסערס: זייט מענשען! סטארעט זיך מיר זאלען אייך אויך האבען פאר וואס צו אכטען, דאן וועט דאס פאמיליענלעבען ווידער אויפבליעהען, דאס זעלבע שיינע יודישע פאמיליענלעבען, וואס איהר טריי, ריינהייט און הייליגקייט פלעגט שטענדיג זיין א מוסטער פאר אנדערע פעלקער.

פאולינע ראבינאוויץ.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.

פערלאג „פאלקסבילדונג".

„הזמן“ יחל לצאת בפטרבורג מיום 1 יאנואר 1903

שתי פעמים בשבוע

עם ארבעה מאספים בשנה לכל עניני העם העברי, לספרות ולמדע ולעניני המדינות.

בהשתתפות

ד״ר י״ל קאצענעלסאהן ודוד פרישמאן.

ב„הזמן“ יבואו בתמידיות הפרקים האלה:

א) **מאמרים לשאלת הזמן.** על כל צרכי החיים של העם העברי, על מצבו החמרי והרוחני, על החנוך והכלכלה ועל דבר עניני הצבור של עם ישראל ומוסדותיו, על הישוב בארץ ישראל ועל כל השאלות הציוניות.
המאמרים יהיו כתובים בידי אנשים מומחים ובקיאים, כל אחד במקצוע שלו.

ב) **חיי העם בערי המדינה.** ב„הזמן“ יבאו תמיד מכתבי־סופרים מיוחדים וקבועים מכל מושבות בני ישראל הגדולים — סופרים, היודעים את אשר לפניהם.

ג) **חדשות.** כל הנוגע לחיי ישראל בארצנו ובחוץ לארץ מהמקורות הראשינים, כל דבר בעתו.

ד) **דברי סופרים.** השקפה על העתונים אשר לעם ישראל בשפות שונות בפרט ועל מאמרי סופרים במכה״ע הכללים, באותה מדה שיהיו ראוים לשום אליהם לב, בכלל — ובאופן שיוכלו הקוראים לברוא להם מושג כללי ממהלך הרוחות אשר בדעת הקהל.

ה) **הספרות היפה.** „הזמן“ יתאמץ להביא לפני הקוראים ממטב הספרות היפה, מפרי עטם של מספרינו ומשוררינו הנודעים יחחביבים על קהל הקוראים. הציורים הקטנים יבאו לרוב במכתב העתי, והספורים הגדולים יופיעו בארבעת המאספים לרבעי השנה.

ו) **חכמת ישראל.** מאמרים מקורים על דברי ימי ישראל וספרותו וכו׳. למקצוע הזה יקדש מקום גדול בארבעת המאספים והשקפות תמידיות הבאנה גם ב„הזמן“ על עבודת חכמי ישראל שבמערב.

ז) **בקרת.** את החלק הזה, הנחוץ מאד להתפתחות שפתנו וספרותה, מסרנו בידים אמונות בתור מחלקה קבועה. כל ספר חדש שיצא לאור בלשון עבר ובלעז (הנוגע לעם ישראל וספרותו) יבוקר בלי אחור זמן.

ח) **פיליטונים.** ב„הזמן“ יבאו פיליטונים בדבר כל שאלת חיינו, ערוכים בידי סופרינו המובחרים הידועים לשם בספרותנו ביצירותיהם המלאות מלאכת מחשבת.

ט) **עניני המדינות.** השקפה על החיים המדינים של עמי תבל, כתובה בידי מומחה לאותו דבר.

י) **ידיעות כלליות.** השקפה ברורה ושימת עין על כל החדשות והידיעות הכלליות הנוגעות לכל אדם באשר הוא אדם.

יא) **מאמרים כללים מעולם האמנות,** המדע הספרות וידיעות הטבע.

יב) **תשובת בית המערכת,** ע״ד ענינים ספרוהים, דברי חוקים ומשפטים, הנוגעים לאחב״י.

בארבעת המאספים, שיצאו לאור לתקופות הזמן (מאסף לרבע שנה), יבואו מאמרים גדולים, ספורים ושירים וכו׳, אשר לרוב כמותם אין מקומם במכתב עתי.

כל מאסף יחזיק לערך 200 עמודים בפורמט גדול.

ב„הזמן“ ובמאספיו יקחו חלק הסופרים האלה:

ש״י אבראמאוויץ (מענדלי מוכר ספרים). ד״ר מ. א. אייזענשטאדט, יעקב איזראעלסאן, שלום אש, בן אביגדור, ר. בריינין, ב. בראנדט, ד״ר ש. ברנפלד, פ. געץ, ברון דוד גינצבורג, מ״מ דווידזאן, א. דרויאנב, ד״ר ח״ד הורוויץ, ד״ר א. א הרכבי, ש. ווינער, יוסף אליהו טריווש, ד״ר יצחק טובים, זאב יעבץ, דוד כהנא מרדכי בן הלל הכהן, משה ליב לילענבלום, א. ד. ליפשיץ, א. ל. לעווינסקי, יעקב מזא״ה, ד. מגיד, ד״ר י. מרגלין, ה. ד. לאמבערג, י״ל פרץ, ו. פערפערקאוויץ, ד״ר ש. פאזנאנסקי, ש פרוג, צבי פרילוצקי, ש״ל ציטראן, ד״ר ל. קאנטאר, ש. ראזענפעלד, ח״י ראבניצקי, רב צעיר, א. ז. ראבינאוויטש, א. שולמאן, י. שטיינבערג.

בפרחי הפובליציסטיקא וחכמת ישראל יעבוד עבודה קבועה, מלבד העורך בן־ציון כ״ץ, גם הד״ר י״ל קאצנעלזאן; חלקי הספרות היפה, הפוליטון והמדעים הכללים מסורים ביד הסופר דוד פרישמאן. על המחלקה הציונית יפקח ד״ר יצחק בן יוסף טובים.

הגליון הראשון אשר יצא לאור ליום 1 יאנואר, ישולח לכל דורשיו חנם אין כסף.

המחיר לשנה 6 רו״כ, לחצי שנה 3 רו״כ, ולרבע שנה 1 רו״כ 50 קאפ׳.
בחו״ל — לשנה 8 רו״כ, לחצי שנה 4 רו״כ ולרבע שנה 2 רו״כ.

העורך והמו״ל **בן־ציון כ״ץ.**

כתבת „הזמן“:

Редакція Газеты „Газмонъ“ С.-Петербургъ, Екатерниискій каналъ 68.

בווארשא אפשר לחתום ע״י הוצאת „תושיה“.

Издательство „ТУШІЯ“ Варшава. — Verlag „TUSCHIJAH“ Warschau.

Herausgeber Verlag Volksbildung, Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau, Druck v. S. L Deutscher Podgorze b-Krakau

„אראגא־גורסקי. ווארשא, לעשנא № 4

דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען נאגגיאטקעס (הינער־אויגען) בראדאווקעס און פערהארטעטע הויט צור פרייז 30 קאפ׳ אינ 50 קאפ׳ פארדערן איבעראל.

(129) 25—9

פאבריק פון טעדראדען, קאנטארסקע, נאטעס און פאפיראסען ביכלעך.

סקלאד פון פאפיראסען פאפיער און מאשינקעס צו גילזען.

С. И. Киперманъ, Варшава, Налевки № 37.

(111) מוסטערן זענדע גראטיס. 10—9

השבוע

עתון לאמי וציוני — לכל עניני ישראל.

יו״ל פעם בשבוע בשבוע

בעיר ווין.

שנה שביעית ברוסיה, ובשאר ארצות שנה י״ב.

מחירו ברוסיה: לשנה 4 רו״כ, לחצי שנה 2 רו״כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה. חותמים שנתיים מקבלים ספר תשורה במחיר 1 רו״כ.

מחירו בשאר ארצות: באוסטריה - אונגריה 6 ר״כ, באשכנז 12 מארק, ביתר הארצות 16 פראנק לשנה. לחצי ולרבע שנה לפי הערך.

„**השבוע**" הוא בית ועד לבחירי סופרי ישראל וחכמיו ולו מהלכים בכל ארבע כנפות הארץ. „**השבוע**" מקדש לכל עניני היהדות, דגלו הוא דגל מאסף לכל המחנות אשר בקרבנו, לכל הדואגים לחיי ישראל ותקומתו ברוח לאמי וציוני. בו תבאר ותברר כל דרך וכל תחבלה לרפא בית ישראל ההרוס, לחזק כל מוסדיו ולהרבות כבודו ותפארתו.

„**השבוע**" יפרד לשני ראשים: א) **בינה לעתים.** בו יבאו: מאמרים ראשיים בשאלות הזמן, הנוגעות בישראל בכל מקומות מושבותיו; ממחנה צוררינו - כל דבר הנוגע בתנועה האנטיסמיטית; על המצפה — ברור ולבון מקרי השבוע היותר נכבדים; התנועה הציונית — כל החדשות ממחנה הציונים בכל מקום שהם; מכתבים ע״ד חיי היהודים ויחסם אל העמים, שבתוכם הם יושבים; נפוצות יהודה — חדשות קצרות מכל ארצות תבל; ידיעות העולם - מאמרים מדעים כללים. ב) **אוצר הספרה.** בו יבאו מאמרים בחכמת ישראל, קורותיו ותולדותיו בעתים ובארצות שונות; ידיעות ספרתיות; מאמרי בקרת; שירים, ספורים ופילישון.

„**השבוע**" דן על כל שאלה בכבד ראש בלי משא פנים ובלי נטיה לאחד בצדדים. „**השבוע**" הוא העתון היתר מסוגל למודעות (אנאנסען), התלויות בהתפשטות רבה, כי יש לו קוראים בכל מקום.

מרוסיה ישלחו את כסף החתימה במכתבים סגורים אל העורך:

J. S. FUCHS, KRAKAU (Oesterreich).

או אל: **Verlag „TUSCHIJAH" Warschau.**

או אל:

Jacob Ginzburg, Bobrujsk, Gouv. Minsk,

האדריסה אל העורך בכל עניני הרידקציה והארמיניסטרציה:

Red J. S. Fuchs, Krakau, (Österreich).

חברות ציוניות ורבנים ישיגו הנחה מהמחיר הקבוע. לפנות בזה רק אל העורך לבדו.

פערלאג „פאלהסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

—— פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ. ——

ציוניסטישע אגודות בעקומען ראבאט.

Книгоиздательство „**Тушія**" **Варшава.**

Verlag „Tuschijah" Warschau.

מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

Оптическо-Хирургическій Складъ

подъ фирмою **„АЛЕКСАНДРЪ"**

Варшава, Сенаторская ул. № 22.

עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען **ברוכבענדער** עלעקטרא־גאלוואנישע, וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך לייבבאנדער, בויכבאנדער פיר פרויען, עלאסטישע זאקען פיר געשוואלענע פוס. **ברילען** מיט ווענעציאנישע גלעזער וועלכע שטערקען די אויגען אויך פערשיעדענע כירורגישע אונד אפטישע געגענשטאנדע פיר קראנקע.

ברוכבענדער ווערדען צוגעפאסט דורך איינעם ספעציאליסטען.

(94) 50 10

פאבריק פון קויטשוק־סטעמפלען

Л. Великсонъ, Рымарская 3, Варшава

פערפערטיגט אלע ארט קויטשוק־סטעמפלען פון פיינסטען אמעריקאנישען קויטשוק. אויך אלעראבט מעטאל־סטעמפלען, אזוי אויך די פיינסטע מעססינג־שילדער צו טיערען.

אלעם מיט ביליגע פרייזען, ווי צום ביישפיעל:

מעססינג־שילדער צו טיערען פיין גראווירט: נאמען און ביינאמען, שווארץ עמאלירט, פיין פאלירט **פרייז נור 1 רובל.**

ניקעלנע טאשען־שרייבגעציג, ענטהאלט שטאלפערער און בליישטיפט מיט צוויי סטעמפלען: (1 קויטשוק־סטעמפעל, נאמען און ביינאמען, 1 סטעמפעל צו לאק פון צויי בוכשטאבען) **פרייז נור 40 קאפ.**

טאשען־קויטשוק־מאנאגראמס צום צייכנען אויף וועש, פאפיר א. ד. ג. צוזאמען מיט א קישעלע און שעכטעל צו טוש, פרייז נור 10 קאפ.

בעשטעלונגען אויף דער פראווינץ ווערדען רעעל אויסגעפיהרט און שנעל ארויסגעשיקט אויך פער נאכנאהמע.

עס ווערען געזוכט אגענטען אויף זעהר בעקוועמע קאנדיציעס.

פרייז־קוראנט ווירד ארויסגעשיקט **אומזאנסט!!!** 25—8 (52

Подиска на 1903-й годъ	**БУДУЩНОСТЬ** Еженед. газета, съ ежегод. приложеніемъ Научно-Литературнаго Сборника	4-ый годъ изданіе

„БУДУЩНОСТЪ" — независимый органъ русскихъ евреевъ, стремящійся къ культурному возрожденію и подъему самосознанія еврейской массы. **ЕЖЕНѢДѢЛЬНИКЪ** „Будущности" выходитъ въ размѣрѣ $2^1/_2$—3 печ. листовъ большого формата и состоитъ изъ двухъ отдѣловъ: **Современной Лѣтописи,** въ которую входятъ подробный обзоръ тес ущихъ событій еврейской жизни въ Россіи и заграницей, ктатьи по бытовымъ вопросамъ и юридич, отдѣлъ, и **Литературно-Научнаго Отдѣла,** содержащаго статьи по еврейской исторіи и литературѣ, беллетристическія произведенія, стихотворенія, критику, журнальное обозрѣніе и фельетонъ.

Въ **Ежегодн. Сборникѣ,** выходящемъ въ концѣ года, помѣщаются болѣе крупныя по размѣрамъ статьи научнаго и литературнаго содержанія.

Въ 1903 г. подпмсички „Будушности" кромѣ обычнаго матеріала покучатъ:

1) **безплатно**—При Научно-Литературномъ Сборникѣ — отдѣльный, первый въ литературѣ, самостоятельный трудъ (въ отдѣльной нумераціей страницъ)

ОЧЕРКЪ ИСТОРІИ ЕВРЕЕВЪ ВЪ РОССІИ.

Подъ редакціей и съ примѣч. д-ра исторіи востока **А. Я. Гаркави.**

2) За незначительную доплату на почтовые расходы (30 коп.)

Книгу для еврейскаго юношества,

Иллюстрированное литературное изданіе, составл. при непосредственномъ участіи **С. Г. Фруга,** д-ра **Л. С. Каценельсона, М. Д. Рывкина** и художниковъ аладемика **М. Л. Маймона** и **М. С. Іоффе.**

Подписная цѣна: 7 руб. въ годъ (допускается разсрочка), 4 р.—$^1/_2$ г., 2 р.—3 мѣс. Новые подписчики могутъ получить Литер.-Научн. Сборники за 1900, 1901 и 1902 г. (до 70 печатн. листовъ) **безплатно,** приложивъ на почтов. и конторскіе расходы по 50 коп. за каждый томъ, и получаютъ газету со дня подписки.

Адр. редакціи н Главной Конторы: СПБ., Пушкинская 7.

כשר קונעראל כשר

איין רייגעם ניססענשמאלץ זעהר געזונד פיר מאגענלײדענדע. גוט צום קאכען און באקען פערשיעדענע שפייזען. הארטע קאקוסבוטטער. אויך אללע ארטיקלען פיר שאקאלאדעפאבריקען.

הכשרים פון ווארשויער רבנים.

הויפטסערקויף אין ווארשא, דזיקא 36

15—7 ביי **א. מ. קאשער.** 114

ד"ר מ. פינקעלקרויט

ווארשא, קארמעליצקא 23

היילט האלז-, נאזע- און אויערען-קראנקהייטען.

היילט אויך שטאמערנדע (וועלכע זאאיקען זיך ביים ריידען). 10—6 (121)

Новая Парижская Мастерская

разныхъ

Фантастическихъ Перьевъ и Цвѣтовъ

А. ЛЯКСЪ

(101) Варшава, Переѣздъ 9. 10—10

הויז דרוקעריא

יעדערמאן איזט אים שטאנדע מיט מיינער טיפען-דרוקעריא גארניטורען וועלכע זינד פארהאנדען אין רוססישע, פראנצעזישע אונד העברייאישע, בוכשטאבען, זעלבסט דרוקען אללעס וואס ער האבען וויל.

גארניטור נו' 0 מיט 90 טיפען 1. ר"ז	" 1 " 160 " 2.	" 2 " 290 " 3.50	
גארניטור נו' 3 מיט 480 טיפען 4.75 ר"ז	" 4 " 700 " 6.00	" 4a " 1000 " 10.—	

צו בעציהען אוים דיא שטעמפעל אונד טיפען-פאבריקען

И. А. ЛЕВИНСОНЪ | **J. LEWINSON**

Одесса, Канатная 122. | WIEN, I. Adlergasse 12.

פרייזקוראנטע ווערדען פערזענדעט נאך ערהאלט איינער פאסטמארקע 7 קאפ.

10—1 אגענטען ווערדען איבעראל געזוכט. (136)

בית-מסחר-הספרים של

ר' מנשה קרישזאהן ושותפיו

נעתק מרחוב נאלעווקי Nr. 39 לרחוב גענשא Nr 14

בבית המסחר הזה נמצא למכירה מלבד תוצאותיו והם: חומש ע"ט מ"י עם למפ"י על נייר פשוט, ועל נייר רעגאל, חק לישראל לה"ק על נייר פשוט ורעגאל, חק לישראל ע"ט על נייר פשוט ועל נייר רעגאל, חומש ב"י פ"י, וש"ס ירושלמי על נייר פשוט ורעגאל, — גם כל מיני ספרים מכל הדפוסים, הן ספרי הו"ל והן ספרי דפוסי ווילנא, ווארשא, לובלין ופיעטריקוב, ממלא רצון הקונה עצהיו"ט.

5—1 אדרעססע: (142)

М. Кадишсонъ и Ко. Варшава Гусья 14.

דרוקעריי עט ליטאגראפיע

ש. בעלכאטאווסקי, פעטראקאוו.

(געגרינדעט אין 1860 יאהר)

מיר גלויבען אז מיר פערשפארען צו לויבען און רעקלאמירען אונזער דרוקעריי, וועלכע עקסעסטירט שאן מעהר ווי 40 יאהר, און האט זיך א גוטען נאמען געשאפט. די פיעל ווערקע וועלכע זענען געדרוקט געווארען אין אונזער דרוק אין דעם מיטך פון די 40 יאהר — זענען די בעסטע עדות דערויף. מיר מאכען נור אויפמערקזאם, אז מיר האבען די לעצטע צייט פיעל נייע סארטען שריפט און פערצירונגען איינגעשאפט, כדי צו פערפיינערען די ארבייטען נאך די לעצטע מאדע. מיר נעמען אן צו דרוקען ביכער, העברעאישע, פלפול ספרים, זשארגאנישע, רוסישע, דייטשע, פראנצויזישע וכו'; אויך נעמען מיר אן צו דרוקען אלערליי עטיקעטען, פרייז-קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך, פאסט-פאפיער, קוויטאריושען, וויזיט-קארטען וכו'.

אלעס ווערד פיין און שנעל אויסגעפיהרט, צו זעהר ביליגע פרייזען

פעטראקאוו איזט ביי ווארשא, רייזע קאסטען נור 1.96 רובל.

(123) אדרעסע: 14—5

Въ Контору паровой типо-литографіи

Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.

נייטיג פאר יעדען!

וויכטיג פאר אלעמען!

— וואס איז אייער טהועכץ? אייער פרנסה? איהר זענט א סוחר? א הענדלער? א קרעמער? א לעהרער? א בעל-מלאכה? וויפיעל פארדיענט איהר א חודש?... נאר וויפיעל איהר זאלט ניט פארדיענען, קאנט איהר דאך אבשפארען עטליכע פרוטות א טאג, פארזארגען אייערע ווייב און קינדער אויף נאכ'ן טוידט; טאמער שטארבט איהר חלילה פאר דער צייט וועלען אייערע קינדער נישט בלייבען אויפ'ן אנדערען טאג אהן ברויט, אייער אלמנה וועט מען נישט דארפען געהן מאכען איבער דער שטאדט קיין נדבות, אייער טאכטער וועט האבען מיט וואס צו געהן צו דער חופה. און טאקי איהר אליין, איהר מעגט אייך לעבען ביז 120 יאהר, קאנט אייך באווארענען אויף דער עלטער מיט א קאפיטאל פון מזומנ'ע קערבלעך. דאס קאנט איהר אויספיהרען נאר דאן ווען איהר פארסטראכירט אייער לעבען, און בכדי צו פערגרינגערען אייך די זאך האט די נייע אסעקוראנץ-געזעלשאפט

Высочайше утвержденное

Генеральное Общество Страхованій жизни

и пожизненныхъ доходовъ

אויסגעארבייט פוי אייערטוועגען פריווילעגיעס, וואס קיין געזעלשאפט האט זיי נישט:

א) איהר קאנט אייער פרעמיע צאהלען אלע חודש. — ב) איהר צאהלט נישט פאר קיין פאלים און עס קאסט אייך ניט קיין שום הוצאות. — ג) לגאטע אויף צו צאהלען פרעמיע נאכ'ן זמן, האט איהר דריי חדשים. — ד) האט איהר איינגעצאהלט דריי יאהר קאנט איהר נאכדעם אויפהערען צאהלען פון צוויי ביז דרייצעהן יאהר און איהר זענט אלץ פארסטראכירט (ненарушимость). — ה) געהט איבער דאס ערשטע יאהר איז אייער פאלים באווארענט פון לאדעניש און פון אלסדינג. עס מעג זיין וואס ס'וויל (неоспоримость). — ו) נאך די ערשטע דריי יאהר קאנט איהר מאכען מיט אייער פאלים וואס איהר ווילט. אדער אויפהערען צאהלען פרעמיע און ארויסנעמען איין איינגעצאהלטען פאלים אדער אויסלייהען אויפ'ן פאלים געלד אויף 6% לשנה, וכדומה פארשיעדענע קאמבינאציעס. — ז) אייער קאפיטאל ווערד ארויסגעצאהלט גיך אהן א שום עכוב, און נאר אייך אדער אייערע יורשים; קיין שום ארעסט און קיין שום חוב אויף אייער קאפיטאל ווערד ניט אנגענומען.

אגענטען ווערען געזוכט אומעדום. — ביכלעך, טאריפען, בלאנקען ווערען ארויסגעשיקט איטליכען אומזיסט.

זיך ווענדען צום:

Управляющій Агентствами Генеральнаго О-ва Страхованій жизни М. Л. ЕВЗЕРОВЪ, ОДЕССА.

די פראווליענע פון דער געזעלשאפט איז אין:

10—7 С.-Петербургъ, Невскій 23. (82)

אין באראווסקעס באזאר

טוואַרדאַ № 1, (פאנסקא № 24.)

איז צו בעקומען פערשיעדענע פלעטצער, בוידען אונד טישלעך פיר פערשידענע סארטען עססענוואַרג, יאטקעס פיר רינדפלייש אונד קאלבפלייש, שניט סחורה, גאלאנטעריע, געפעס אז"וו צו זעהר ביליגען פרייזען אונד בעקוועמע בעדינגונגען.

2—1 גענויע ערקונדיגונג אויף דער שטעללע. (140)